NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13204

KINDER

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שלום - עליכם

קינדער

ערשטע זאַמלונג פאַר דער שול

ארויסגעגעבן דורך דער יידישער שול
אין מעקסיקע — 1959

אויסוואַל און באַארבעטונג פון די טעקסטן, באַמערקונגען און

דערקלערונגען — פון

שאול פערדמאַן.

א מתנה צום 100סטן געבוירנטאָג פון

ש ל ו ם - ע ל י כ ם ע ן

פון פריינד

נחמן און רייזל ווידענוועבער

לכבוד זייערע אייניקלעך

מאָניקא, לעסלי און מאַרק ווידענוועבער.

אליהו הנביא

א.

ניט גוט צו זיין א בן־יחיד (1) א ציטעריקער ביי טאטע־מאמע, „פון זיבן איינער געבליבן״. דא — ניט שטיי, דארט — ניט גיי, דאס — ניט עס, דאס — ניט טרינק, דעם קאפ — דעק צו, דעם האלדז — פארבינד, די הענט — באהאלט, די נאז — שנייץ אויס. אך, ניט גוט, ניט גוט צו זיין א בן־יחיד. און נאך א נגידס (2) א יינגל דערצו.

קוים דערלעבט פסח. אויסגעקליידט האט מען מיך, ווי עס פאסט פאר א נגידס א יינגל. וואס קומט מיר אבער ארויס? אז איך טאר ניט ארומשפרינגען אין דרויסן — איך וועל זיך פארקילן; אז איך טאר ניט ארומלויפן מיט אלע קינדער — איך בין א נגידס א יינגל. אזעלכע שיינע מלבושים — ניטא פאר וועמען צו בארימען זיך. א פולע קעשענע מיט נים — ניטא מיט וועמען צו שפילן.

ניט גוט צו זיין א בן־יחיד, א ציטעריקער, וואס פון זיבן איי־נער געבליבן, און נאך א נגידס א יינגל דערצו.

דער טאטע האט אנגעטאן די בעסטע קאפאטע און איז אוועק אין שול דאווענען. זאגט צו מיר די מאמע: „ווייסטו וואס? לייג זיך צו, שלאף זיך אויס, וועסטו קענען זיצן ביים סדר, וועסטו פרעגן דעם טאטן די פיר קשיות״. משוגע בין איך? פארן סדר וועל איך גיין שלאפן! „געדענק זשע, פסח צום סדר טאר מען ניט שלאפן. הארעס טאמער, חלילה, ווערסטו אנטשלאפן ביים סדר, אזוי קומט אליהו הנביא מיט א זאק אויף די פלייצעס און קוקט: ווער עס שלאפט ביים סדר, דעם נעמט ער צו אין זאק אריין״...

כא־כא! איך וועל אנטשלאפן ווערן ביים סדר? איך, און אז מע זאל זיצן א גאנצע נאכט? און אפילו ביזן ווייסן טאג אריין? ווי אזוי איז געווען, מאמע, פאר א יארן? „פאר א יארן ביסטו אנטשלאפן געווארן באלד נאך קידוש״. — פאר וואס זשע איז ניט געקומען צו מיר דעמאלט אליהו הנביא מיטן זאק?... „דעמאלט ביסטו נאך

---

(1) בן־יחיד (בען־יאכיד) — איין און איינציקער זון.

(2) נגיד (נאגיד) — רייכער מאן.

געווען אַ קליינינקער, הײנט ביסטו אַ גרויסער, הײנט דאַרפסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות, הײנט דאַרפסטו זאָגן מיטן טאַטן „עבדים היינו", הײנט דאַרפסטו עסן מיט אונדז פיש און יויך און קניידלעך... שאַ, אָט גייט דער טאַטע פון שול!"

— גוט יום־טוב!

דאַנקען גאָט, דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט קידוש, איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כוס(1), איך אויך. און דווקא אַ פולן כוס, און דווקא ביזן דנאָ: „זע נאָר, ביזן דנאָ!"

זאָגט די מאַמע צום טאַטן. און מיר זאָגט זי: „אַ פולן בעכער מיט ווײַן? וועסט אַנטשלאָפן ווערן"... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אפילו ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן? אַנו, פרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך אָפּגעקלאַפּט די פיר קשיות! ווי אַזוי זאָג איך די הגדה? ווי אַזוי שאָקל איך זיך איבערן סידור און זינג מיטן טאַטן „עבדים היינו"?... און די מאַמע לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון מיר און שמייכלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן"... עך, מאַמע, מאַמע! מיר דאַכט זיך, מע זאָל זײַן מיט אַכצן קעפּ, קען מען פון דעם אַליין אַנטשלאָפן ווערן! אַנו, לאָז מען זיך אָוועקזעצן אייך אַנטקעגן און זינגען אייך אין אויער: „אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן".

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן...

ב.

אַנטשלאָפן געוואָרן, חלומט זיך מיר, אַז דער טאַטע האַלט שוין בײַ „שפוך חמתך". (2) די מאַמע אַליין שטייט אויף פון טיש, גייט עפענען די טיר מקבל פנים (3) זײַן אליהו הנביאן. שיין וועט זײַן, טאָמער קומט טאַקע אליהו הנביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פלייצעס און זאָגט צו מיר: „קום, בחור!"... און ווער וועט זײַן שולדיק אין דעם, אַז ניט די מאַמע אַליין מיט איר „שלאָף ניט, שלאָף ניט!"... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר, אַהאַ! איך הער אַ סקריפּ פון דער טיר און דער טאַטע שטייט אויף און רופט אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא!"(4) איך קוק מיך איין צו דער טיר — יאָ, ס'איז ער. ער גייט, ער גייט. פּאַמעלעך, קוים וואָס מען הערט. אַ שיינער ייד אליהו הנביא, אַן אַלטער מאַן. אַ זקן(5) מיט אַ גרייז־גרויער באָרד ביז די קני, דאָס פנים אַלט, געל, געקנייטשט, נאָר

---

(1) כוס (קאָס) — גלעזל צו טרינקען ווײַן.

(2) שפוך חמתך (שפויך כאַמאָסכאָ) — טייל פון דער הגדה.

(3) מקבל־פנים (מעקאַבל־פּאָנים) זײַן — באַגעגענען שיין.

(4) ברוך הבא (באָרעך האַבאָ) — געבענטשט זאָל זײַן דער געקומענער.

(5) זקן (זאָקן) — אַן אַלטער מאַן.

שיין און גוט איז דאס אן אן עק. און אויגן, אך אויגן! גוטע, ווייכע, פריינדלעכע, ליבע, געטרייע אויגן. איינגעבויגן, אנגעלענט אויף א גרויסן, גרויסן שטעקן מיט א זאק אויף די פלייצעס, און שא, שטיל, אן ווערטער — און גלייך צו מיר.

— נו, ייִנגעלע, ארײַן צו מיר אין זאק ארײַן און קום! — אזוי זאגט ער צו מיר און דווקא אזוי ווייך, אזוי זיס.

פרעג איך אים: וואוהין? מאכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאך דעם זען”... וויל איך ניט. זאגט ער מיר נאך א מאל. בעט איך מיר בײַ אים: „ווי קען איך מיט דיר גיין, אז איך בין א נגידס א ייִנגל?” זאגט ער: „און אז א נגידס א ייִנגל, וואס ביסטו פאר א מיוחס?” (1) זאג איך: „איך בין בײַ טאטע־מאמע א בן־יחיד”... זאגט ער: „בײַ מיר ביסטו ניט קיין בן־יחיד”. זאג איך: „א ציטעריקער, פון זיבן איינער געבליבן. זיי וועלן, זאג איך, דערזען, אז איך בין ניטא, וועלן זיי דאס ניט אויסהאלטן, זיי וועלן שטארבן, און דערהויפט די מאמע”...

קוקט ער אויף מיר, דער אלטיטשקער, מיט גוטן און מאכט צו מיר ווייך און זיס, ווי פריער: „גייסטו ניט מיט מיר, טא שלאף געזונט, נאר ווער אנטשלאפן אויף אייביק”... הייב איך אן צו וויינען: „הייסט עס, אז איך זאל שטארבן? זיי וועלן דאס ניט אויסהאלטן... דערהויפט די מאמע”... „ווילסטו ניט שטארבן, טא קום מיט מיר, געזעגן זיך אפ מיט טאטע־מאמע און קום”... סטײַטש, ווי קען איך גיין, אז איך בין א בן־יחיד, פון זיבן איינער געבליבן. מאכט ער צו מיר שוין שטארקער: „צום לעצטן מאל, ייִנגעלע, קלײַב זיך אויס איינס פון די צוויי: אדער געזעגן זיך אפ מיט טאטע־מאמע אויף שטענדיק און קום מיט מיר, אדער בלײַב דא און ווער אנטשלאפן אויף אייביק, אויף אייביק”...

ג.

אפגעזאגט די דאזיקע ווערטער, טרעט ער אפ פון מיר אויף איין שפאן און וויל שוין ארויסקירעווען זיך צו דער טיר. וואס טוט מען דא? אוועקגיין מיט דעם אלטן, גאט ווייסט וואוהין, פארפאלן ווערן, — וועלן טאטע־מאמע שטארבן: א בן־יחיד, פון זיבן איינער געבליבן... בלײַבן דא און אנטשלאפן ווערן אויף אייביק, הייסט דאך, דאס איך אליין זאל שטארבן... צי איך אויס צו אים בײדע הענט מיט טרערן אין די אויגן. „אליהו הנביא! גוטער, ליבער, הארציקער אליהו! גיב מיר איין מינוט אויף צו באטראכטן זיך!” דרייט ער אויס צו מיר דאס שיינע, אלטע, געלע, געקנייטשטע פנים מיט דער גרייז־גרויע באָרד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זײַנע שיינע,

(1) מיוחס (מעיוכעס) — אנגעזעענער מענטש, אויסדערוויילטער.

ליבע, געטרייע אויגן און מאכט צו מיר מיט א שמייכל: „איין מי־נוט אויף צו באטראכטן זיך — גיב איך דיר, מיין קינד, אבער ניט מער ווי איין מינוט"...

דער אלטיטשקער לענט זיך אן אויף זיין גרויסן, גרויסן שטעקן אוןווארט.

— —

פרעגט זיך: וואס האב איך באדארפט אין דער מינוט צוטראכטן אזעלכעס, אז איך זאל ניט דארפן גיין מיטן אלטן און ניט אנט־שלאפן ווערן אויף אייביק? אנו, ווער וועט טרעפן?

חבר סירקא

א.

איך מיין, אז נאכן נאמען אליין איז נישט שווער צו שטויסן זיך, אז סירקא איז געווען ניט קיין מענטש, נאר א הונט, א געוויינלעכער הונט מיט א גרויער פעל, וואס דעריבער האט ער געהייסן „סירקא".

איך זאג: א הונט א געוויינלעכער — איך מוז מיך אבער באלד פארענטפערן, אז ניין, נישט קיין געוויינלעכער, ווי מיר וועלן עס באלד געוואר ווערן. פריער אבער מוז מען זאגן א פאר ווערטער וועגן דעם הונטס ביאגראפיע — פון וואנען קומט צו א יידן א הונט? איז אזא מעשה:

אז נחום וועוויקס איז אראפגעקומען פון שטאט אין שטעטל אריין און איבערגענומען די „פאטשט" מיטן הויף, מיט דער גאנצער באלעבאטישקייט, האט זיך אין הויף געפינען דער הונט סירקא, נאך גאר א יונגער, נאר שוין א פארשטענדיקער, — אויף אזוי ווייט, אז ער האט געקענט די נייע באלעבאטים.

פארשטייט זיך, אז מיט די נייע באלעבאטים האט סירקא ניט געהאט קיין שום מגע־ומשא (1). אין שטוב ניט אריינגעשמעקט אפילו. מסתמא האט מען אים גלייך געגעבן אנצוהערעניש מיט א זייט האלץ איבערן קאפ, אז אין א יידישער שטוב זאל א הונט ניש קריכן...

אין קיך האט ער אויך ניט געטארט אריין. „פרומע די מויד" מיטן בלינדן אייגל האט אים „אפגעלאנטשעט" (2) דערפון מיט אן אקרעפ זודיק וואסער, וואס זי האט איינמאל אין א ערב־שבת אויס־

---

(1) מגע־ומשא (מאגע־מאסע) — געשעפט, פארבינדונג.

(2) אפגעלאנטשעט — אפגעוואוינט, אפגעיאגט.

געגאסן אויף אים מיט א כיוון (1) און אפגעקאכט אים א שטיק פעל, און דווקא גאר אין גוטן מוט,און נאך געלאכט אויך.

ארויסגעטריבן געווארן אזוי מיאוס סיי פון שטוב, סיי פון קיך, וואלט אן אנדער הונט אויף זיין ארט געווים אפגעטראטן פונעם דאזיקן הויף: „לעבט אייך הונדערט און צוואנציק יאר"! ניין, סירקא איז געווען ניט אזא מין. ער זאל וויסן — דער טויט זאל זיין, וועט ער פון הויף ניט אוועק! דא איז ער געבוירן געווארן, דא וועט ער פגרן (2)... בפרט (3) אז ער האט געהאט גוטע מליצים (4) פאר זיך: די קינדער פון דעם באלעבאס. ער איז זיי געפעלן געווארן, כאטש פרומע האט זיך געפלייסט אים צו פארמיאוסן. א סך, א סך הינט וואלטן זיך ווינטשן האבן אזא אויסקומעניש מיט אזעלכע קעסט, ווי סירקא האט געהאט. פונעם שענסטן און פונעם בעסטן האבן אים חברה ארויסגעטראגן אין די קעשענעס, פארשטייט זיך, אז קיינער זאל ניט זען און אפילו ניט אנשטויסן זיך, ווארעם ס'וואלט געקאנט זיין זייער מיאוס פארביידע צדדים (5). סירקא האט שוין געוואוסט די צייט פון „אנבייסן", פון „וארמעס" און פון „„וועטשערע", און האט שוין ארויסגעקוקט מיט אלע אויגן, ווען וועט מען אים שוין ארויסטראגן פון אלע גוטע זאכן. ער האט שוין געוואוסט אפילו, ביי וועמען אין וואסער קעשענע אנצושמעקן און האט שוין אליין געשטופט די מארדע אהין — א הונט א חכם! (6)

היינט די קונצן, וואס חברה האבן אים אויסגעלערנט! אנידערלייגן אים, למשל, אויפן שפיץ נאז אן אפגעלעקט ביינדל, אדער א שטיקל ברויט, און זאלן אים: „ניע רוש"! (7) (געוויינלעך רעדט מען מיט א הונט אויף גוייש) — וועט ער אייך ווארטן מיט דרך־ארץ, וויפיל איר ווילט, ביז ער וועט דערהערן דאס גוטע ווארט: „האם"! דעמאלט טוט ער א שפרונג אונטער און — פארטיק.

ב.

ווינטער ביינאכט, ווען די קינדער גייען פון חדר אהיים, האט זיך סירקא ניט געקאנט דערווארטן אויף זיינע חברים, און אלע מאל, ארום א זייגער ניין, איז ער אויסגעוואקסן אונטערן פענצטער, גע־שארט מיט די לאפעס איבער די געפרארענע טאפליעס (8) — א

---

(1) מיט א כיוון (קיווו) — אומיסטן, מיט א מיין.
(2) פגרן (פייגערן) — שטארבן (אזוי פלעגט מען זאגן וועגן א חיה).
(3) בפרט (ביפראט) — באזונדערס.
(4) מליצים (מעליצים) — פארטיידיקערס.
(5) צדדים (צדאדים) — פאראינטערעסירטע זייטן.
(6) חכם (כאכעם) — קלוגער.
(7) ניע רוש — ריר נישט (פון פויליש).
(8) טאפליעס — שויבן.

סימן, אז ס'איז שוין צייט צו פארמאכן די ספרים און גיין אהיים עסן „וועטשערע". ביים רבין איז סירקא געווען אזוי ווי א זייגער — און געלאזט די קינדער פריי נעמען די פאפירענע, מיט שמאלץ באשמירטע לאמטערנעס, און גיין אהיים האפערדיק, מיט די פריי־לעכע לידער, סאלדאטסקע ניגונים.

סירקא איז געלאפן אויף צו פריער און פאר גרויס פרייד גע־שפרונגען און געקאטשעט זיך אין שניי — און אלץ צוליב די שטיק־לעך ברויט מיט די אפגעלעקטע ביינדלעך פון דער וועטשערע.

וויפל מאל האט זיך געטראכט, אז אויפן הארצן איז וויסט, אויף דער נשמה סומנע, אין דער היים געבאפט א פסק (1), אין חדר פארבעסערט, — דעמאלט פארקלייבט זיך שלום נחום וועוויקס ווייט אין גארטן, אויף יענער זייט ביימער — און סירקא מיט אים. דארט, אונטערן פלויט, אויף א בערגל מיסט, זעצט ער זיך אוועק מיט זיין געטרייען סירקא, וואס ציט אוים די מארדע, קוקט גלייך אין די אויגן אריין, ווי א זינדיקער מענטש. „וואס קוקט ער? וואס טראכט ער דערביי? פארשטייט ער טאקע יעדע זאך, ווי א מענטש? האט ער אויך א נשמה, ווי, להבדיל (3), א מענטש?"...

„פארוואס־זשע איז ער א הונט און איך א מענטש?"... — אזוי טראכט ער זיך, שלום, און ער קוקט מיט רחמנות (4) און, צו גלייכער צייט, מיט דרך־ארץ (5) אויפן הונט, און דער הונט — אויף אים, ווי זיינער א גלייכן. א הונט א חבר! א טייערער, א געטרייער חבר — סירקא!...

ג.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא (6), ווען איך וועל זאגן, אז סירקא איז געווען א הונט א חכם, וואס האט פארשטאנען, ווער עס האט אים מער ליב פאר אלעמען, און דעריבער איז קיין חידוש (7) ניט, וואס מער ווי צו אלע קינדער האט זיך סירקא דער הונט צוגע־בונדן צו שלומען, געשלאסן מיט אים חברשאפט אן ווערטער און ליב געהאט, און טאקע באמת גרייט געווען זיך מפקיר זיין(8) פאר זיין חבר און פאר זיין האר. א שטומע צונג, ער קאן עס ניט ארויס־ווייזן, איבערגעבן מיט ווערטער, האט ער עס ארויסבאוויזן, ווי א

---

(1) פסק (פסאק) — שטראף.
(3) להבדיל (לעהאוודל) — נישט צו פארגלייכן.
(4) רחמנות (ראכמאנעס) — מיטגעפיל.
(5) דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — אכטונג.
(6) גוזמא (גוזמע) — צו פיל.
(7) חידוש (כידעש) — וואונדער.
(8) זיך מפקיר (מאפקער) זיין — אפגעבן דאס לעבן.

הונט, מיט זיין שפרינגען און מיט זיין קוויטשען און מיט זיין וואַרפן זיך פאַר אים אין דער ערד אַריין אויף זיין הינטישן שטייגער. ס'איז גענוג געווען איין וואָרט, אַז זיין חבר און זיין האַר זאָל אים אַ זאָג טאָן: „נאַ מיעס-טאַ!"(1) — זאָל סירקאַ אוועק ווי אַ סטאַטעק(2) און ליגן, ווי אַ קעצעלע, שטיל, און נאָר מיט איין אייגל לאַקערן, אַכטונג געבן, וואָס זיין האַר טוט.

צווישן „האַר" און זיין „קנעכט" סירקאַ איז געווען אַ שטילע ליבע, און דער האַר האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעלן זיך, וואָס וועט זיין, אַז סירקאַ וועט ניט זיין. וואָס הייסט, ער וועט ניט זיין? ווי איז דאָס מעגלעך? סירקאַ איז דען אַ מענטש, וואָס זאָל אַוועקפאָרן און פאַרגעסן דעם זיי-געזונט?... וויפל מאָל האָבן גויים געפּרואווט פאַרנאַרן סירקאַן צו זיך אין דאָרף אַריין, — איז ער דען ניט געקומען צו לויפן אויף מאָרגן, אַ פאַרסאָפּעטער מיט אַן אַרויסגעשטעלטער צונג, און געוואָרפן זיך און געקאַטשעט זיך און געשפּרונגען צו זיין האַר אויפן האַלדז און געקוויטשעט און געלעקט אים דעם קאָלנער, און מע וואָלט געמעגט שווערן, אַז טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן.

און דאָך... און דאָך איז געקומען דער טאָג, יענער פינצטערער וויסטער טאָג, וואָס דער גוטער געטרייער סירקאַ איז אַוועק, אַוועק אויף שטענדיק אויף אייביק, און אַזוי אומגעריכט אַוועק אַזוי מיאוס פאַרדראָסיק, אַזוי מוראַדיק(3)-טראַגיש-טרויעריק!

ד.

זומער האָט זיך געטראָפן די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע. דאָס איז געווען אַ זומער פון שרעקלעכע היצן, אָן אַ טראָפּן רעגן — מענטשן זענען אויסגעגאַנגען פון היץ. און דאָס ווייסט איר דאָך, אַז אין די גרויסע היצן זענען די הינט מסוכן(4) — זיי ווערן משוגע.

איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז אַ הונט איז משוגע געוואָרן און האָט צעביסן נאָך עטלעכע הינט, מע ווייסט נישט וועלכע. איז געפאַלן אַ פחד (5) אויף די שטאָטלייט, און מע האָט זיך אַ נעם געגעבן צו די הינט פון שטאָט. מע האָט אַראָפּגעבראַכט, גאָט ווייסט פון וואַנען, צוויי פרעמדע הינטשלעגערס, אַנגעוואָפנט מיט גראָבע שטריק און מיט אייזערנע קרוקעס, און די הינטשלעגערס האָבן זיך אַ נעם געגעבן צו דער אַרבעט. אין איין טאָג האָבן זיי אַוועק-

---

(1) נאַ מיעסטאַ — אויף דיין אָרט (רוסיש).
(2) אַ סטאַטעק — שטילינקער, געלאַסענער.
(3) מוראַדיק (מוירעדיק) — שרעקלעך.
(4) מסוכן (מעסוקן) — געפערלעך.
(5) פחד (פּאַכעד) — שרעק.

געלייגט אַ פּאָר צענדליק הינט. אויפן קוק האָבן זיי אייך געקענט אָפּשאַצן, וועלכער הונט ס'איז משוגע, און וועלכער ניט.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַ שטייגער, אַז דער גורל(1) וועט פּאַלן אויף דעם גוטן, קלוגן, סטאַטעטשנעם(2) סירקאָ?

אַ סברה(3), אַז די הינטשלעגערס האָבן באַקומען פון דער שטאָט זייער לוין נאָך דער צאָל פון די אויסגעהרגעטע הינט, און וויבאַלד אַזוי, איז גאַנץ מעגלעך, אַז ס'זענען געווען נעבעך אַ סך אומשולדיקע קרבנות(4) — און סירקאָ איינער פון די ערשטע.

פון דעם אומגליק זענען די קינדער געוואָוירע געוואָרן שוין לאחר המעשה(5), קומענדיק פון חדר אַהיים — און זיי האָבן אויפגעהויבן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין שטוב. „סטייטש, סירקאָ... סטייטש, ווי האָט מען עס דערלאָזט אַזאַ מעשה!”...

פאַרשטייט זיך, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיאוס. „חדר-יינגלעך זאָלן אין זינען האָבן הינט!”...

און מע האָט זיי מכבד געווען מיט רעכטע פּעטש.

נאָר דאָס אַלצדינג איז געווען גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס סירקאָ איז נעבעך אומגעקומען אומזיסט-אומנישט!

מער פון אַלע איז געווען דערשלאָגן סירקאָס ליבלינג — שלום. דער האָט עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד ניט געגעסן, עטלעכע נעכט ניט געשלאָפן, געקאַטשעט זיך אויף אַלע זייטן, געזיפצט און געקרעכצט שטילערהייט, נישט געקענט מוחל זיין די שלעכטע בייזע מענטשן, וואָס האָבן ניט איז זיך קיין קאַפּל רחמנות, קיין צער-בעלי-חיים(6), קיין טראָפּן יושר(7). און עס קומט אים אויפן זינען סירקאָ מיט די קלוגע גוטע אויגן, און ער פאַלט צו מיטן פּנים צו דער קישן און גאַנעצט זיך מיט ביטערע, ביטערע טרערן.

---

(1) גורל (גוירל) — באַשטימונג..

(2) סטאַטעטשנע — געלאַסענער, רואיקער.

(3) אַ סברה (סווואָרע) — עס זעט אויס.

(4) קרבנות (קאָרבאָנעס) — געפאַלענע.

(5) לאחר המעשה (לעאַכער האַמייסע) — נאָך אַלעמען.

(6) צער-בעלי-חיים (צאַר-באַלע-כאַיים) — מיטלייד צו לעבעדיקע באַשעפענישן.

(7) יושר (יוישער) — גערעכטיקייט.

דריי קעפּלעך

א.

אַלע דריי, אברהמעלע, משהלע און דבורהלע זיינען געבוירן און געוואַקסן אַלע אויף איין אָרט צווישן וואַנט און צווישן אויוון. אַלע דריי זעען פאַר זיך אַלע טאָג איינס און דאָס זעלבע: דעם פריילעכן טאַטן, וואָס שניידט קאַרטאָן, קלעפּט שאַכטלען און זינגט ניגונים, און די פאַרזאָרגטע אויסגעטריקנטע מאַמע, וואָס קאָכט און באַקט און ראַמט, און איז קיין מאָל נישט פאַרטיק. ביידע זיינען זיי שטענדיק אין דער אַרבעט: די מאַמע ביים אויוון, דער טאַטע ביי די שאַכטלען.

—־אויף וואָס דאַרף מען אַזוי פיל שאַכטלען? ווייזט אויס, אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט שאַכטלען? ווער דאַרף עס אַזוי פיל שאַכטלען?...

אַזוי טראַכטן די דריי שיינע קעפּלעך און קוקן שוין אַרויס, אַז ביים טאַטן זאָלן זיך אָנקלייבן אַ סך, אַ סך שאַכטלען, און ער זאָל זיי נעמען אַלע אויפן קאָפּ און אין ביידע הענט — אפשר טויזנט שאַכטלען — און זאָל מיט זיי אַרויסגיין אין מאַרק אַריין און קומען צוריק אָן שאַכטלען, נאָר מיט געלט פאַר דער מאַמען און מיט בול־קעלעך, בייגעלעך, אָדער צוקערקעס פאַר די קינדער...

אַ גוטער, אוי אַ גוטער טאַטע ביי זיי — אַ גאָלד! די מאַמע איז אויך אַ גוטע, נאָר אַ בייזע. מע כאַפּט פון איר אָפּט אַ זעץ, אַ שטורך אין זייט, אַ דריי פאַר די אויערן. זי האָט פיינט, אַז מע מאַכט איר אָן אַ הקדש(1). זי וויל נישט, אַז די קינדער זאָל שפּילן אין „טאַטע־מאַמע"; זי וויל נישט, אַז אברהמלע זאָל שניידן די אַראָפּגעפאַלענע שטיקלעך קאַרטאָן; אַז משהלע זאָל גאַנווענען פּאַפּ ביים טאַטן און אַז דבורהלע זאָל באַקן ברויט פון זאַמד מיט וואַסער... די מאַמע וויל, אַז די קינדער זאָלן זיצן שטיל, רואיק. די מאַמע ווייסט נישט, זעט אויס, אַז יונגע קעפּלעך, קערפּערלעך אַרבעטן, אַז יונגע נשמות רייסן זיך, רייסן זיך — וואוהין?... אין דרויסן, צו דעם ליכט! צום פענצטער, צום פענצטער!

ב.

סך־הכל (2) איין פענצטער, איין שטיקל פענצטער. אַלע דריי קעפּלעך שלאָגן זיך פאַרן שטיקל פענצטער. און וואָס זעט מען דאָרט? — אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גרינע, אַ נאַסע וואַנט. שטענדיק, אייביק איז זי נאַס, אפילו זומער!... קומט אַמאָל אַהער די זון? געוויס קומט

(1) הקדש (העקדעש) — דאָ געמיינט: אַן אומאָרדענונג, אַ שמוץ.

(2) סך־הכל (סאַכאַקל) — אין גאַנצן.

אמאָל אהער די זון, דאָס הייסט, נישט די זון אַליין, נאָר אַ שיין פון דער זון. און דעמאָלט איז אַ יום־טוב. אַלע דריי שיינע קעפּלעך שפּאַרן זיך צום שטיקל פענצטער, קוקן אַרויף, גאַנץ אויבן, און זעען אַ לאַנגן, שמאָלן, בלויען פּאַס, ווי אַ לאַנגע, בלויע סטענגע.

— אַ! זעט איר, קינדער? אָט דאָס איז הימל!

אַזוי זאָגט אברהמעלע. אברהמעלע ווייסט, אברהמעלע גייט אין חדר, ער לערנט שוין קמץ־אלף(2). דער חדר איז טאַקע דאָ נישט ווייט, די צווייטע שטוב. דאָס הייסט, די צווייטע טיר. אָך, וואָס אברהמעלע דערציילט זיך אָן פאַר חידושים(3) פונעם חדר! אברה־מעלע דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען אַ קוימען, און פונעם קוימען גייט אַ רויך... אברהמעלע דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען אַ מאַשינע, וואָס מע נייט אויף איר אָן הענט... אברהמעלע דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען — ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס! — אַ וואָגן, וואָס פאָרט אָן אַ פערד... און נאָך אַזעלכע וואונדער דערציילט זיי אברהמעלע פונעם חדר, און משהלע און דבורהלע הערן און זיפצן און זיינען אים מקנא, וואָס אַלצדינג ווייסט אברהמלע, אַלצדינג!

למשל, אברהמעלע ווייסט, אַז אַ בוים וואַקסט. אמת, ער אַליין האָט נאָך גלייך מיט זיי קיין מאָל נישט געזען, ווי אַזוי עס וואַקסט אַ בוים. נישטאָ קיין ביימער אויף דער גאַס — נישטאָ! ער ווייסט אָבער (אין חדר האָט ער עס געהערט), אַז אויף אַ בוים וואַקסן פּרוכטן... אברהמעלע ווייסט (וואָס ווייסט ער דען נישט?), אַז קאַרטאָפליעס, למשל, אָדער אוגערקעס, אָדער ציבעלעס, אָדער קנאָבל וואַקסן אויף דער ערד, — אַלצדינג ווייסט אברהמעלע! ער ווייסט נאָר נישט, וואו און ווי אַזוי דאָס וואַקסט, וואָרעם ער האָט דאָס נאָך, גלייך מיט זיי, קיין מאָל נישט געזען; וואָרעם אויף זייער גאַס איז נישטאָ קיין פעלד, נישטאָ קיין גאָרטן, נישטאָ קיין ביימער, נישטאָ קיין גרעזל — נישטאָ! נישטאָ! אויף זייער גאַס זיינען דאָ גרויסע מויערן, גרויע ווענט, הויכע קוימענס, וואָס ס'גייט פון זיי אַ רויך, און פענצטערלעך אַ סך אין יענעם גרויסן מויער, טויזנטער, טויזנטער פענצטערלעך, און מאַשינעס, וואָס נייען אָן הענט, און וואָגנס, וואָס פאָרן אָן פערד — און ווייטער גאָרנישט!

ג.

אַלצדינג ווייסט אברהמעלע, אַלצדינג! אפילו וואָס אויף יענער וועלט טוט זיך! למשל, ער ווייסט, אַז אויף יענער וועלט איז דאָ אַ

---

(2) קמץ־אלף (קאָמעץ־אַלעף) — דאָ געמיינט: דער אָנהייב פון לערנען לייענען, דאָס צונויפלייגן טראָפּן.

(3) חידושים (כידושים) — נייעסן, אינטערעסאַנטע זאַכן.

גן־עדן(1), אין גן־עדן איז דאָ ביימער אַ סך מיט די שענסטע פּרוכטן, טייכן, וואָס פליסן בוימל. דימענטן און בריליאַנטן וואַלגערן זיך אין די גאַסן: בייג זיך אָן, נעם און שטאָפּ אָן פולע קעשענעס. אַזוי דער־ציילט אברהמעלע, און ביי משהלען און דבורהלען ברענען די אויי־געלעך, און זיי זיינען מקנא זייער עלטערן ברודערל, וואָס ער ווייסט אַלצדינג, אַפילו וואָס אויפן הימל טוט זיך. אברהמעלע שווערט, אַז צוויי מאָל אין יאָר, הושענא־רבה(2) אויף דער נאַכט און שבועות אויף דער נאַכט, שפּאַלט זיך דער הימל. אמת, ער אַליין האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען, ווי דער הימל שפּאַלט זיך, ווייל ס׳איז נישטאָ ביי זיי קיין הימל. דערפאַר האָבן אָבער זיינע חברים געזען, זיי שווערן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, זיי זאָלן אַזוי זען אַלדאָס גוטס. זיי וועלן דאָך נישט שווערן אויף אַ ליגן. ווי טאָר מען שווערן אויף אַ ליגן? אַן עבירה(3), וואָס ביי זיי אויף דער גאַס איז נישטאָ קיין הימל. ס׳איז דאָ אַ לאַנגער, שמאָלער, בלויער פּאַס, ווי אַ לאַנגע, שמאָלע, בלויע סטענגע, -- וואָס קאָן מען אין אַזאַ שטיקל הימל זען, אַחוץ צוויי־דריי קליינע שטערנדלעך מיט אַן אָפּשיין פון דער לבנה?...
און בכדי צו איבערצייגן זיין ייִנגערן ברודערל משהלע און זיין שוועסטערל דבורהלע, אַז ס׳שפּאַלט זיך דער הימל, גייט אברהמעלע צו צו דער מאַמען, שלעפּט זי פאַרן קלייד.

— מאַמע, איז היינט שבועות אַרום האַלבער נאַכט שפּאַלט זיך דער הימל?

— דעם קאָפּ וועל איך דיר שפּאַלטן!

געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק(4) פון דער מאַמען, וואַרט אברהמעלע

— אויפן טאַטן. דער טאַטע איז אַוועק אין מאַרק מיט אַ גאַנצן אוצר(5) שאַכטלען.

ד.

— קינדער, אַנו טרעפט, וואָס וועט היינט דער טאַטע ברענגען אַ מתנה פונעם מאַרק?

אַזוי זאָגט אברהמעלע, און די קינדער הייבן אָן טרעפן, וואָס וועט דער טאַטע זיי ברענגען אַ מתנה פונעם מאַרק. זיי רעכענען אוים אויף די פינגער אַלצדינג, וואָס ס׳איז דאָ אויפן מאַרק, אַלצדינג, וואָס אַ מענטשנס אויג קאָן זען און וואָס אַ מענטשנס האַרץ קאָן

(1) גן־עדן (גאַניידן).
(2) הושענא־רבא (האָשאַנע־ראַבע) — איינער פון די טעג סוכות.
(3) אַן עבירה (אַווײרע) — דאָ־געמיינט: אַ שאָד.
(4) אַ מיאוסן פּסק (מיעסן פּסאַק) — דאָ געמיינט: אַ שלעכטן אָפּשניט אַ שטראָף.
(5) אַן אוצר (אוֹיצער) — דאָ געמיינט: זייער אַ סך.

גלוסטן: בולקעלעך און בייגעלעך און צוקערקעס. און קיינער האָט נישט געטראָפן. און איר וועט, איך האָב מורא, אויך נישט טרעפן. פייסי דער איינבינדער האָט געבראַכט צו טראָגן איצטיקס מאָל נישט קיין בולקעלעך, נישט קיין בייגעלעך, נישט קיין צוקערקעס: גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגן, אַ פּאַק מיט גראָז — מאָדנע לאַנגע, גרינע, שמעקנדיקע גראָזן.

און אַלע דריי שיינע קעפּלעך, אַברהמעלע, משהלע און דבורהלע, האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאָטער:

— טאַטע, וואָס איז דאָס, אָט דאָס־אָ?

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הייסט דאָס גרינס?

— גרינס אויף יום־טוב. יידן דאַרפן יום־טוב גרינס(1).

— וואו נעמט מען דאָס, טאַטע?

— וואו מע נעמט עס? הם... אין מאַרק קויפט מען דאָס, אין מאַרק...

אַזוי זאָגט דער טאַטע און ער צעוואָרפט דאָס גרינע שמעקנדיקע גראָז איבער דער נאָר־וואָס אויסגעקערטער שטוב, און ער קוועלט, וואָס ס'איז גרין און סע שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמען פרייליך, ווי זיין שטייגער איז:

-- פּעסיע, אַ גוט יום־טוב דיר!

— מזל־טוב, אַ נייער הקדש! די מזיקים(2) זיינע וועלן שוין האָבן וואָס צו מיסטיקן...

אַזוי ענטפערט אים די מאַמע נישט צו פרידן, ווי אַלע מאָל, גיט די קינדער דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך אין זייט, דעם אַ דריי ביים אויער. אַ מאָדנע מאַמע ביי זיי! קיין מאָל איז זי נישט צו פרידן, תמיד פאַראומערט, שטענדיק פאַרזאָרגט, פּונקט דער היפּך (3) פונעם טאַטן!

און די דריי שיינע קעפּלעך קוקן אויף דער מאַמען, קוקן אויפן טאַטן, קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע. און אַז טאַטע־מאַמע קערן זיך אָפּ אַ ווײַלע אויף אַ זייט, טוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דריי אויף דער ערד. פאַלן צו מיטן פּנים צום שמעקנדיקן גראָז, קושן דאָס שמעקנדיקע גראָז, וואָס מע רופט דאָס גרינס, און וואָס יידן דאַרפן דאָס אויף יום־טוב, און וואָס מע קויפט דאָס אין מאַרק...

אַלצדינג איז דאָ אין מאַרק, אפילו גרינס. אַלצדינג קויפט דער טאַטע, אפילו גרינס!... אפילו גרינס!...

---

(1) ס'איז געווען איינגעפירט אַמאָל ביי יידן שבועות צו באַפּוצן די שטיבער מיט גרינס.

(2) מזיקים (מאַזיקים) — שטערערס, שעדיקערס.

(3) דער היפּך (הייפעך) — פאַרקערט.

חנוכה-געלט

א.

טרעפט קינדער, וואָסער יום-טוב איז דער בעסטער פון אַלע יום-טובים?

חנוכה.

אַכט טעג כסדר נישט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילן אין דריידל און באַקומען פון אַלע זייטן חנוכה-געלט — נו, באַדאַרף מען אַ בעסערן יום-טוב?

ווינטער, דרויסן איז קאַלט, דער פראָסט ברענט, די פענצטער זיינען באַדעקט מיט שניי, און אין שטוב איז וואַרעם, מחיה-נפשות(1). דאָס זילבערנע חנוכה-לעמפּל שטייט צוגעגרייט נאָך פון בייטאָג. דער טאַטע גייט אום איבער דער שטוב, די הענט אַרונטער, און דאַוונט מעריב. אָפּגעדאַוונט, נעמט ער אַרויס פון טישקעסטל אַ וועקסן ליכטל, דעם שמש(2), און זאָגט אונדז, צו מיר און מיין יינגערן ברודער מאָטל:

—רופט אַריין די מאַמע, לאָז זי גיין הערן בענטשן חנוכה-ליכטלעך.

איך און מיין ברודער מאָטל לאָזן זיך לויפןביידע, איינס איבערן אַנדערן.

— מאַמע גיכער, חנוכה-ליכטלעך.

די מאַמע וואַרפט אַוועק אַלע אַרבעטן אין קיך און לאָזט זיך לויפן אין שטוב אַריין, און נאָך איר — ברײַנע די קעכין.

דער טאַטע גייט צו מיטן אָנגעצונדענעם שמש צום חנוכה-ליכטל, בייגט זיך אָן און מאַכט די ברכה(3) מיטן באַקאַנטן ניגון.

די מאַמע ענטפערט „אָמן", און ברײַנע שאָקלט מיטן קאָפּ און מאַכט דערביי אַזאַ פּנים, אַז איך און מיין ברודער מאָטל האָבן מורא אַ קוק טאָן איינער אויפן אַנדערן.

דער טאַטע שפּאַצירט אַרום הין צוריק איבערן זאַל, קוקט אויפן חנוכה-לעמפּל, זאָגט און זאָגט און הערט גאָר נישט אויף צו זאָגן. מיר וואָלטן וועלן, ער זאָל זיך שוין נעמען צו דער קעשענע, צום בייטעלע. מיר ווינקען זיך איבער, שטופּן אונטער איינער דעם אַנדערן:

---

(1) מחיה-נפשות (מעכאַיע-נעפאָשעס) — זייער אָנגענעם.

(2) שמש (שאַמעס) — דאָ געמיינט: דאָס ליכטל, מיט וועלכן מע צינדט אָן די איבעריקע ליכטלעך.

(3) ברכה (בראָכע) — דאָ: די תפילהביים אָנצינדן די ליכט.

— מאטל, גיי צו, זאג אים חנוכה־געלט?
— וואס עפעס איך זאל זאגן חנוכה־געלט?
— אזוי, ווארעם דו ביסט א קליינער, באדארפסטו בעטן חנוכה־געלט.
— טאמער פארקערט, דו ביסט עלטער, באדארפסטו בעטן חנוכה־געלט.

דער טאטע הערט גאנץ גוט, אז מיר רעדן פון חנוכה־געלט, נאר ער מאכט זיך, ווי ער הערט נישט. שטיל, נישט געכאפט, גייט ער צו צום טישקעסטל און ציילט געלט. עס גייט אונדז איבער א קליין פרעסטל איבערן לייב, עס ציטערן די הענט, עס קלאפט דאס הארץ. מיר קוקן אויף דער סטעליע, קראצן זיך אונטער דער פאה, מאכן זיך כלומרשט קאלטבלוטיק, גלייך ווי נישט אונדז מיינט מען.

דער טאטע טוט א הוסט.

— הם... קינדער קומט נאר אהער.
— הא? וואס איז?
— נאט אייך חנוכה־געלט.

באקומען אונדזער חנוכה־געלט, לאזן מיר זיך גיין, איך און מיין ברודער מאטל, פריער פאמעלעך, און דערנאך גיכער און גיכער מיט א שפרונג־אונטער און מיט א טענצל. און ביז מיר קומען אין אונדזער חדר(1) אריין, קאנען מיר זיך נישט איינהאלטן, קוליען זיך איבער דריי מאל מיטן קאפ אראפ, מיט די פיס ארויף, שפרינגען אויף איין פוס און זינגען אונטער:

ענגע, בענגע,
סטופע, צענגע,
ארצע, בארצע,
גאלע שווארצע,
איימעלע, ריימעלע,
בייגעלע, פייגעלע —
האפ!

און פאר גרויס שמחה גיבן מיר זיך אליין צו צוויי פעטש אין די באקן.

ב.

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין דער פעטער בעני.

— חברה־פלעצל, אייך קומט חנוכה־געלט!

דער פעטער בעני לייגט אריין די הענט אין קעשענע, נעמט ארויס צוויי זילבערנע גילדן(2) און גיט אונדז חנוכה־געלט.

---

(1) חדר (ביידערל) — דא געמיינט: צימער.

(2) גילדן — אמאליקע רוסישע מאנעטע.

קיינער אין דער וועלט וועט נישט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פּעטער בעני זיינען ברידער. דער טאַטע — אַ הויכער, אַ דאַרער, דער פּעטער בעני — אַ קורצער, אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ פאַזאָרגטער, אַ שווייגער, דער פּעטער בעני — אַ פריילעכער, אַ רעדנער. טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר, צעווירעט(1) אויף קעסטעלעך, שוואַרצע און ווייסע, הייסט אַריינטראָגן פון קיך פאַסאָליעס, שוואַרצע און ווייסע — דאָס וועט זיין דאַמקעס.

די מאַמע אין קיך באַקט לאַטקעס. איך מיט מיין ברודער מאָטלען שפּילן אין דריידל, און דער טאַטע מיטן פּעטער בעני זעצן זיך אַוועק שפּילן אין דאַמקעס.

— איין זאַך וועל איך ביי דיר בעטן, בעני — אַן חרטה (2) און אַן דריי, דאָס הייסט: אַ גאַנג איז אַ גאַנג, — זאָגט דער טאַטע.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג, — זאָגט דער פּעטער בעני און גייט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג, — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָפּ דעם פּעטער בענים אַ ציגל.

וואָס ווייטער זיי לאָזן זיך אַריין אין דער שפּיל, אַלץ טיפער קייען זיי דערביי די בערד, טרייסלען מיט די פיס אונטערן טיש און זינגען שטילערהייט ביידע איין לידל.

— אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — זינגט דער טאַטע, און קייט איין עק באָרד. — זאָל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהין! וועל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהער, באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ מין גאַנג.

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג! — העלפט אים אונטער דער פּעטער בעני.

— אוי, ביסטו אַ טיפּש (3), בעני, אַ טיפּש און אַ גרויסער! — זינגט דער טאַטע און גייט אַ גאַנג.

— ביסט אַליין אַ טיפּש, מיין ברודער, און נאָך אַ גרעסערער! — זינגט דער פּעטער בעני און גייט אַ גאַנג און פאַרכאַפּט זיך באַלד צוריק.

— פע, בעני, מיר האָבן דאָך גערעדט אַ גאַנג איז אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע שוין אָן אַ ניגון און כאַפּט דעם פּעטער בעני פאַר דער האַנט.

---

(1) צעווירעט — געמאַכט ליניעס.
(2) חרטה (כאַראָטע) — באַדויערן, צוריקנעמען.
(3) טיפּש (טיפּעש) — נאַר.

— אַ גוטער משל! — זאָגט דער פעטער בעני, — כּל־זמן (1) איך האַלט אין מיטן אַ גאַנג, מעג איך גיין, וואוהין איך וויל.

— ניין! — זאָגט דער טאַטע, — אַ גאַנג איז פאַרפאַלן! מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, בעני, אַן חרטה, בעני, אַן דריי!

— חרטה? — זאָגט דער פעטער בעני. — וויפל מאָל מאַכט זיך, אַז דו האָסט חרטה?

— איך? — זאָגט דער טאַטע, — ע, בעני, דערפאַר האָב איך דאָך פיינט מיט דיר צו שפּילן אין דאַמקעס!

— ווער זשע נייט דיך זאָלסט מיט מיר שפּילן?

— שוין? מען קריגט זיך שוין איבער אַ פּאַסאַלקע? — רופט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פון קיך מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים, און נאָך איר — ברײַנע מיט אַ גרויסער שיסל מיט הייסע לאַטקעס. אַלע לאָזן זיך צום טיש, איך און מיין ברודער מאָטל, וואָס האָבן זיך פריער אַ ביסל געקריגט, געריסן ווי די קעץ, בעטן זיך גיך איבער, ווערן שלום און זעצן זיך צו די לאַטקעס.

ג.

ביינאַכט אויפן געלעגער ליג איך און איך טראַכט: וויפל קאָן זיך אַ שטייגער ביי מיר צונויפקלייבן, אַז אַלע פעטערס און אַלע מומעס מיט אַלע קרובים וועלן מיר געבן חנוכּה־געלט?

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויפל, מיינסטו, וועט אונדז געבן דער פעטער בער חנוכּה־געלט?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? — איך בין דען אַ נביא? (2)

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— עמעצער האָט אַזוי פיל פעטערס מיט אַזוי פיל מומעס, ווי מיר?

— אָדער יאָ, אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— ווי באַלד דו שלאָפסט, היינט ווי אַזוי רעדסטו צו מיר?

— דו פרעגסט דאָך מיך, מוז איך דיר ענטפערן.

---

(1) כּל־זמן (קאָל־זמאַן) — אַזוי לאַנג, ביז.

(2) נביא (נאָווי) — דאָ געמיינט: איינער וואָס קאָן טרעפן, וואָס וועט זיין שפּעטער.

אין דריי מינוט ארום:
— מאָטל, דו שלאָפסט?
— טסס טררר — כיל כיל — טססס...
מאָטל כראָפּעט, פּייפט מיט דער נאָז, און איך זעץ מיך אויף אויף מיין בעטל, נעם ארויס מיין קערבל, גלעט דאָס, באַטראַכט דאָס.
דאַכט זיך וואָס? — טראַכט איך מיר. — אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואָס קאָן מען דערפאַר נישט קויפן? צאַצקעס, מעסערלעך, שטע־קעלעך, בייטעלעך, ניס און קאָנפעטן און ראָזשינקעס און באָקסערן, און וואָס נישט?
איך באַהאַלט דאָס קערבל צוקאָפּנס אונטערן קישן און לייען אָפּ קריאת־שמע (1), קומט אריין ברײנע פון קיך מיט אַ פולער שיסל מיט קערבלעך... ברײנע גייט נישט, נאָר זי שוועבט אין דער לופטן, און מאָטל שלינגט קערבלעך...
— מאָטל, — שריי איך מיט אַלע כוחות, — גאָט איז מיט דיר, מאָטל, וואָס טוסטו???...
איך כאַפּ זיך אויף און שפּיי אויס דריי מאָל: „טפו־טפו־טפו — אַ חלום”!
און ווער אַנטשלאָפן.

מאָטל דערציילט

איך און דאָס קעלבל

איך גיי מיט אייך אין געוועט אויף וויפל איר ווילט, אַז קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי צופרידן מיטן ווארעמען ליכ־טיקן נאָך פּסח, ווי איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, מאָטל, און דעם שכנס קעלבל, וואָס מע רופט דאָס „מעני” (דאָס האָב איך, מאָטל, דעם אַ נאָמען געגעבן „מעני”).
ביידע גלייך האָבן מיר דערפילט די ערשטע שטראַלן פון דער ווארעמער זון, ביידע גלייך האָבן מיר דערשמעקט דעם ריח פונעם ערשטן גרינעם גראָזעלע, וואָס קריכט, שפּראָצט ארויס פון דער ערד, און ביידע גלייך זיינען מיר אַרויסגעקראָכן צו באַגעגענען דעם ערשטן זיסן ליכטיקן ווארעמען פרילינג־מאָרגן. איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, מאָטל, בין ארויס פון אַ קאַלטן נאַסלעכן קעלער, און מעני, דעם שכנס קעלבל, האָט מען ארויסגעלאָזט פון אַ קליין, פינצטער, בלאָ־

---

(1) קריאת־שמע (קרישמע) — די תפילה פאַרן שלאָפן גיין.

טיק שטעלעכל, וואָס ווינטער בלאָזט אַריין אַהין דער שניי און זומער שמייסט אַריין דער רעגן.

אַרויסגעכאַפּט זיך אויף גאָטס פרייער, ליכטיקער וועלט, האָבן מיר ביידע, איך און מעני, זיך געגומען אויסדריקן אונדזער צופרידנ־קייט. איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, האָב אויפגעהויבן ביידע הענט אַרויף, אויפגעעפנט דאָס מויל און אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע ווארעמע לופט אַזוי פיל, וויפל איך האָב געקענט, — און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וואַקס אין דער הייך, און עס ציט מיך אַרויף־אַרויף.

מעני, דעם שכנס קעלבל, האָט פריער אַריינגעשטעקט די שוואַר־צע נאַסע מאָרדע אין מיסט אַריין, אַ שאַר געטאָן מיטן פאָדערשטן פיסל די ערד אונטער זיך אַ מאָל דריי, פאַרריסן דעם עק, אויפגע־שפּרונגען נאָך דעם אויף אַלע פיר, און אַרויסגעלאָזט אַ „מע!” דער „מע” האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב מיך געמוזט צעלאַכן און נאָכמאַכן פּונקט דעם אייגענעם „מע”, וואָס מעני. מע־נין איז דאָס, ווייזט אויס, געפעלן, ווארעם עס האָט נישט לאַנג גע־נומען, האָט דאָס קעלבל איבערגעחזרט דאָס אייגענע נאָך אַ מאָל, און מיטן זעלביקן שפּרונג. איך האָב דאָס באַלד נאָכגעטאָן מיטן קול און מיטן שפּרונג. אַזוי עטלעכע מאָל: איך אַ שפּרונג, דאָס קעלבל אַ שפּרונג; דאָס קעלבל אַ „מע”, איך אַ „מע”. ווער ווייס, ביז וואַ־נען די שפּיל וואָלט זיך אַזוי געצויגן, ווען ניט אַ שנייד פון הינטן אין האַלדז אַריין פון מיין עלטערן ברודער אליהו מיט אַלע זיינע פינף פינגער:

— „ווי איז מיר! אַ בחורל פון כמעט ניין יאָר שטעלט זיך אַוועק טאַנצן מיט אַ קעלבל!... אין שטוב אַריין גיי, דו הולטיי איינער!... דער טאַטע וועט דיר שוין געבן!...”

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום

אונדזער שכנה־פּעסיע די גראָבע האָט זיך אין מיר פאַרליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען, אַז איך זאָל דערווייל זיין ביי איר, ביי פּעסיען, הייסט עס. „וואָס וועט אייך אַרן? — האָט זי געזאָגט, — עס גייען ביי מיר צום טיש צוועלף, וועט זיין אַ דרייצנ־טער”. די מאַמע וויל שוין. האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מיין ברודער עליע:

— ווער וועט אייך אים אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קדיש(1)?

(1) קדיש (קאַדיש) — די תפילה, וואָס מע זאָגט נאָך אַ געשטאָרבענעם.

— איך וועל אכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קדיש. נו, שוין? האָט איר צו מיר גאָרנישט?

פּעסיע איז נישט קיין רייכע. איר מאַן איז אַן איינבינדער און הייסט משה. ער האָט אַ נאָמען פאַרן בעסטן איינבינדער. דאָס אַליין איז אָבער ווייניק. מע דאַרף נאָך האָבן מזל (2) אויך. אַזוי זאָגט פּעסיע צו מיין מאַמען. מיין מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלימזל (3) דאַרף מען אויך האָבן מזל. פאַר אַ סימן נעמט זי מיך. אַט בין איך אַ יתום און אַלע ווילן מיך. פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן מיך צו זיך אויף שטענדיק. נאָר ווי לאַנג קרענקען אירע שונאים (4), ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבן אויף שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך אַן עצה מיט מיין ברודער עליע. מיין ברודער זאָגט, אַז איך זאָל נאָר נישט זיין קיין שייגעץ (5), וועל איך זיין ביי פּעסיען. און עס בלייבט, אַז איך וועל זיין דערווייל ביי אונדזער שכנה פּעסיע, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז איך זאָל נישט זיין קיין שייגעץ. אַלצדינג הייסט ביי זיי אַ שייגעץ! אָנהענגען דער קאַץ אַ פּאַפּיר אויפן עק, זי זאָל זיך דרייען — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. קלאַפּן מיט אַ שטעקל איבער די גראַטעס פון דעם גלחס הויף, אַלע הינט זאָלן זיך צונויפלויפן — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. אָפּשטעקן ביי לייבקע דעם וואַסערפירער דעם צאַפּן פון דער פאַס, עס זאָל אויסלויפן האַלב וואַסער — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ.

— דיין גליק, וואָס דו ביסט אַ יתום! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסער־פירער, — אַנישט וואָלט איך דיר איבערגעבראָכן אַ האַנט מיט אַ פוס, דו קאָנסט מיר גלייבן אויפן וואָרט.

איך ווייס, אַז איצטער וועט ער מיך נישט אָנרירן, ווייל איך בין אַ יתום.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

ביי מנשה דעם רופא אין גאָרטן

אַז דער זומער הייבט זיך אָן, און די ביימער הייבן אָן צו בליען, זיך באַדעקן מיט ווייסע פעדערלעך, קענט איר האָפן, אַז ניט היינט איז מאָרגן וועלן זיך באַווייזן אין די קורצע שטעכלדיקעביימעלעך גרינע אַגרעסן. דאָס איז די ערשטע פּרכט, וואָס עס גלוסט זיך אייך פאַרזוכן. פאַראַן מענטשן, וואָס וואַרטן, ביז די אַגרעסן ווערן רויט.

---

(2) מזל (מאַזל) — גליק.
(3) שלימזל (שלימאַזל) — דאָ: אומגליק.
(4) שונאים (סאָנים) — פיינט.
(5) שייגעץ — דאָ: שטיפער.

נאַראָנים! איך זאָל האָבן די ברכות(1), וואָס גרינערהייט זענען זיי אַ סך מער געשמאַק. ווען איר זאָגט, זיי זענען זויער? עס ווערט פון זיי הייליק די ציין? נו, וואָס זשע איז? אַ זויערס קוויקט דאָס האַרץ, און צו הייליקע ציין איז דאָ אַ מיטל: זאַלץ! מע שיט אַרויף זאַלץ אויף די ציין און מע האַלט אָפן דאָס מויל אַ קענן אַ האַלבע שעה, קען מען נאָכדעם עסן ווידער אַמאָל די זעלבע אַגרעסן.

נאָך די אַגרעסן קומען אויף די וויינפערלעך. רויטינקע מיט שוואַרצע פיסקעלעך, מיט געלע קערעלעך, און צענדליקער, צענדלי־קער אויף איין צווייגעלע. איין צווייגעלע, אַז איר פירט דורך צווישן די ליפן, באַקומט איר אַ פול מויל מיט וויינפערלעך, ווייניקע, שמע־קעדיקע, אַ פאַרגעניגן! אַז זיי קומען אויף, קויפט מיר די מאַמע פאַר אַ גראָשן אַ קוואַרטעלע וויינפערלעך אויף פאַרזוכן — עס איך זיי מיט ברויט. ביי מנשהכע דער רופאטע (2) זענען דאָ צוויי רייען קליינע ביימעלעך. האַרט ביי דער ערד, אָנגעזעצט מיט וויינפער־לעך. אויף דער זון ברענען זיי און פינקלען, און ס׳גלוסט זיך כאַפּ איין וויינפערל מיט צוויי פינגער געבן אַ ריס אָפּ און גלייך אין מויל אַריין! איר וועט מיר גלויבן? אַז איך רעד דאָ פון גרינע אַגרעסן און רויטע וויינפערלעך, ווערן מיר שוין הייליק די ציין, לאָמיר בע־סער רעדן פון וויינשל.

* * *

וויינשל האַלטן זיך נישט לאַנג גרין. וויינשל ווערן גיך פאַר־טיק. איך קען אייך שווערן, ביי וואָס איר ווילט, אַז איך אַליין האָב באַמערקט, ליגנדיק ביי מענדל דעם שוחטס אויפן דאַך, עטלעכע וויינשעלעך זענען אין דער פרי געווען גרין אַזוי ווי גראָז, איך האָב זיי גוט באַמערקט, געמאַכט אויף זיי אַ סימן; ביי טאָג האָבן זיי פון דער זון באַקומען רויטע בעקעלעך; דעם זעלבן טאָג פאַר נאַכט זע־נען זיי שוין געווען רויט, ווי פייער! וויינשל פלעגט מיר אויך די מאַמע ברענגען אויף פאַרזוכן. אָבער וויפל וויינשל? פינף שטיק אויף אַ פאַדעם. וואָס טוט מען מיט פינף ווינשל? מע שפילט זיך מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז מע ווייסט נישט, וואו זיי זענען אַהינגע־קומען.

וויפל שטערן אין הימל — אַזויפל וויינשל ביי מנשה דעם רופא אין גאָרטן. איר קענט פאַרשטיין, אַז איך בין אַ בעלן (3) געווען אויף איין צווייגעלע איבערציילן די וויינשל. האָב איך געציילט און

(1) האָבן די ברכות (בראָכעס) —האָבן גוטס.
(2) רופאטע (רויפעטע) — דאָס ווייב פון רופא (רויפע) — פעלדשער, סאַניטאַר.
(3) געווען אַ בעלן (באַלן) — זיך אונטערגענומען.

געצײלט, און נישט געקענט איבערצײלן!... װײנשל האָבן אַ טבע(1), זײ האַלטן זיך שטאַרק אויף די ריטלעך. זעלטן־זעלטן, װען עס פֿאַלט אַראָפּ אַ װײנשל אויף דער ערד, ער מוז שוין זײן איבערצײטיק, שװאַרץ װי אַ פֿלוים. זעט איר, פֿערשקעס — די פֿאַלן אָפּ, װי באַלד נאָר זײ װערן רעכט געל.

* * *

אַך, פֿערשקעס! פֿערשקעס! איך האָב זײ ליב מער פֿון אַלע פּרוכטן. אַ גאַנצער בוים מיט פֿערשקעס שטײט, און איך ליג בײ מענדל דעם שוחטס אויפֿן דאַך און קוק און זע, װי עס פֿאַלט אַ פֿערשקע נאָך אַ פֿערשקע. אײנע אַ געלע, אַזש אַ רויטלעכע, האָט זיך פֿאַרשפּאָלטן און געעפֿנט. עס זעט זיך אַרויס פֿון איר דאָס בײ־ביקע קערל. װאָס װעט זי טאָן, די רופֿאטע, מיט אַזױ פֿיל פֿערשקעס? זי װעט זײ אָפּטרײסלען מן־הסתם און װעט פֿרעגלען פֿון זײ אײנ־געמאַכטס. דאָס אײנגעמאַכטס װעט זי פֿאַררוקן װײט אין דער הרו־בע (2), װינטער װעט זי דאָס אַװעקשטעלן אין קעלער אַרײן און דאַרטן װעט עס שטײן אַזױ לאַנג, ביז עס װעט װערן געצוקערט און כאַפּן אַ שימל.

נאָך די פֿערשקעס קומען אויף פֿלוימען. נישט אַלע פֿלוימען מיט אַ מאָל. איך האָב צװײ סאָרטן פֿלוימען בײ מנשה דעם רופֿא אין גאָרטן. אײן בוים האָב איך מיט „טשערניקעס“ דאָס איז אַ מין קײלעכדיקע, זיסע, האַרטע, שװאַרצע פֿלוים. דער אַנדערער בוים איז אַ בוים פֿון פּראָסטע פֿלוימען. דאָס איז אַ מין פֿלוים, װאָס מע רופֿט זײ „עמער־פֿלוימען“. מע פֿאַרקױפֿט זײ אויפֿן עמער. זײ האָבן אַ דין הײטל, זענען גליטשיק און קלעפּעדיק און װאַסערדיק אויפֿן טעם. פֿון דעסטװעגן זענען זײ נישט אַזױ שלעכט, װי איר מײנט. הלװאַי װאָלט מען זײ נאָר װעלן געבן. מנשהכע די רופֿאטע איז אָבער נישט פֿון די איבעריקע געבערקעס. זי מאַכט בעסער פֿון די פֿלוימען פּאָװידלע (3) אויפֿן װינטער. װען װעט זי אויפֿעסן אַזױ פֿיל פּאָװידלע?

אַראָפּגעפּאַטערט די װײנשל מיט די פֿערשקעס, מיט די פֿלױ־מען, הײבט זיך אָן פֿאַר מיר אַ קאַפּיטל עפּל. עפּל, דאַרפֿט איר װיסן, איז נישט קײן באָרן. באָרן, זײ מעגן זײן די בעסטע באָרן אין דער װעלט, װי באַלד זײ זענען נישט רעכט פֿאַרטיק, קענט איר מיט זײ גאָרנישט מאַכן. גײט קײט האַלץ! עפּל מעגן זײן װי גרין, די קערעלעך מעגן זײן װי װײס, האָבן זײ שוין אַ טעם פֿון עפּל.

---

(1) טבע (טעװע) — כאַראַקטער, געװױנהײט.

(2) הרובע — אויװן.

(3) פּאָװידלע — דזשעם.

איר שטעקט אריין די ציין אין אַ גרינעם עפּל, ווערט אייך זויער אין מויל. ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך וועל אייך נישט אָוועקגעבן אַ האַלבן גרינעם עפּל פאַר צוויי צייטיקע. אויף צייטיקע דאַרף מען וואַרטן ביז העט-העט, און גרינע עפּל קענט איר האָבן גלייך, נאָך דעם, ווי דאָס ביימעלע האָט אָפּגעבליט. עס ווענדט זיך נאָר אין דער גרייס. וואָס ווייטער אַן עפּל וואַקסט, ווערט ער גרעסער! ווי, צום ביישפּיל, אַ מענטש. עס איז נישט קיין באַווייז, אַז אַ גרויסער עפּל דאַרף זיין גוט. אַמאָל מאַכט זיך, אַ קליין עפּעלע זאָל זיין בעסער פונעם גרעסטן עפּל.

אַ יאַריד און שטעטל

עס גיט זיך אויס אַמאָל אַ טאָג — אַ גן-עדן! די זון בראָט ניט אויף צו שוויצן, אויף צו וועלן באָדן זיך. זי וואַרעמט און גלעט און קושט, אַזוי ווי אַ מאַמע. דער הימל איז אויסגעצוואָגן שבתדיק. דער גאַנצער אינדרויסן פרייט זיך, וואָס מיין ברודער עליע האָט חתונה. גאַנץ פרי האָט זיך אויסגעשטעלט אַ יאַריד אין שטעטל. ווי באַלד אַ יאַריד, מוז איך דאָרט זיין. איך האָב ליב אַ יאַריד דאָס לעבן. יידן לויפן אַרום, ווי פאַרסמטע מייז. שוויצן, שרייען, פּילדערן, רייסן די גויים פאַר די פּאָלעס, גייען אויס לייזן געלט — אַ טעאַטער מיט זיי! און די גויים האָבן צייט; זיי גייען דווקא פּאַוואָליע, די היטלען אַרויף, טאַפּן, קראַצן זיך, דינגען זיך, ווילן האַנדלען מציאות(1).

שענער פון אַלץ איז די „קאָנע”. ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט? דאָס איז דער פערד-מאַרק. דאָרט קויפט מען און מע פאַרקויפט פערד. דאָרט זעט איר פערד, ציגיינער, דייטשן, יידן, גויים און פריצים. דער טומל איז דאָ אַזוי שטאַרק, אַז מע קאָן טויב ווערן. די ציגיינער שווערן זיך, יידן פּאַטשן איבער די הענט, פּריצים קנאַקן מיט די בייטשן, און פערדלעך לויפן אַהין און אַהער פייל אויסן בויגן. איך האָב ליב צו קוקן, ווי פערדלעך לויפן, און ווער שמועסט לאַשעקלעך! איך גיי אויס, איך שטאַרב נאָך אַ לאַשעקל! און נישט נאָר קליינע לאַשעקלעך האָב איך ליב — אַלצדינג, וואָס איז קליין: קליינע הינטלעך, קליינע קעצלעך. איר ווייסט? אפילו אוגערקעלעך קלייניניקע, קאַרטאָפל יונגיטשקע, ציבעלקעלעך, קנעבעלעך — אַלץ, וואָס קליין איז, האָב איך ליב.

איך קער זיך אום צו די פערדלעך. די פערד לויפן. די לאַשעק-

(1) מציאות (מעציעס) — ביליק געקויפטע זאַכן.

לעך לויפן נאָך די פערד. איך לויף נאָך די לאָשעקלעך. אַלע לויפן מיר. אויף לויפן בין איך אַ פּייער. איך האָב זייער גרינגע פּיס. דערצו גיי איך באָרוועס און זייער גרינג אָנגעטאָן: אַ העמדל, איין הויז, און פון אויבן אַ סיצן אַרבע־כנפותל(1). אַז איך לויף אַראָפּ־אַ־באַרג, און סאיז אַ ווינטל, און די ציצות צעלאָזן זיך, מאַלט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פליגל און איך פלי.

— מאָטל! גאָט איז מיט דיר! שטיי אַ ווײַלע!

אַזוי שרײַט צו מיר פעסיעס מאַן, משה דער אײַנבינדער. ער לויפט פונעם יאַריד מיט אַ פּאַק באַבולע־פּאַפּיר. איך האָב מורא, ער זאָל מיר נישט צושטעלן אַ בענקעלע פאַר דער מאַמען, און איך זאָל נישט כאַפּן קיין פּסק פון מיין ברודער עליע. איך הער אויף צו לויפן, גיי צו פּאַמעלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו אונדזער שכנהס מאַן. ער לייגט אָפּ דאָס פּעקל פּאַפּיר. ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם שוויים און זאָגט מיר מוסר:

— ווי שעמט זיך דאָס נישט אַ יינגעלע אַ יתום דרייען זיך צווישן ציגיינער און לויפן משוגענערהייט מיט אַלע פערד?

מ ע נ ט ש ע ל ע ך

איך נעם איבער אַ זאַך זייער גיך. איך זע אַ מענטשן איין מאָל, מאַך איך אים נאָך מיט אַלע פּיטשעווקעס.

איך האָב אַנומלטן נאָכגעמאַכט מיין ברודערס חבר, פּיניען, ווי ער גייט מיט אַ טענצל און ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, און ווי ער רעדט גיך, זופּט הייסע לאָקשן.

האָט זיך מיין שוועגערין געהאַלטן ביי די זייטן, און די מאַמע האָט אויך אָנגעהויבן וויינען פאַר געלעכטער.

מיין ברודער עליע האָט דאָס פיינט. ער לאָזט מיך נישט דעם קאָפּ אויפהייבן. אַ מאָדנער מענטש מיין ברודער עליע! ער האָט מיך ליב — און שלאָגט מיך, מאַכט מיר דעם טויט.

* * *

איך האָב ליב מאָלן, און מיין ברודער עליע שלאָגט מיך דערפאַר. האָב איך אַנומלטן אויסגעמאָלן אַ פּוס. אַ מוראַדיק (2) גרויסן פּוס. מיט קרייד אויף דער ערד האָב איך אים אויסגעמאָלן. האָט איר באַדאַרפט זען, וואָס ס'האָט זיך געטאָן! מיין שוועגערין ברכה

(1) אַרבע־כנפות (אַרבע־קאַנפעס) — טראַדיציאָנעלער בגד, מיט אָנגענייטע ציצות אין די פיר עקן (לייבצודעקל).

(2) מוראַדיק (מוירעדיק) — שרעקלעך, געוואַלדיש.

האָט זיך אָנגעטשעפּעט, אַז דאָס האָב איך אויסגעמאָלט איר פּוס. פאַרוואָס עפּעס איר פּוס? ווייל קיינער האָט נישט אַזעלכע גרויסע פּיס, ווי ברכה. קאַלאָשן טראָגט זי נומער דרייצן. איר זאָלט זען אַ פּאָר קאַלאָשן!...

האָט זי מיר צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַר מיין ברודער עליע.

האָט זיך מיין ברודער עליע אויף מיר צעשריגן, ווי געוויינלעך:

— מענטשעלעך? האָסט זיך שוין ווידער גענומען צו דיינע אַל-טע שטיק, מאָלן מענטשעלעך?

שוין! פון אַ פּוס איז ביי אים שוין געוואָרן אַ מענטש. און פון אַ מענטש — מענטשעלעך! מע קען פון זיי משוגע ווערן!

* * *

איך מוז מיך מודה זיין, אַז וואָס ווייטער ווערט ביי מיר דאָס חולאת (1) פון מאָלן מענטשעלעך גרעסער און שטאַרקער. איך האָב דערטאַפּט אַ פאַרביק בליישטיפטל. מיר האָט דאָס אָוועקגעשענקט אַ יינגל מיט געשוואָלענע באַקן. דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אָוועק-געשענקט דאָס פאַרביקע בליישטיפטל, האָב איך אים אָפּגעמאָלט אויפן פּאַפּיר. אין גאַנצן זיין געשטאַלט מיט די געשוואָלענע באַקן.

איך האָב אים באַשוואָרן, ער זאָל דאָס קיינעם ניט ווייזן. וואָ-רום טאַמער דערוויסט זיך מיין ברודער עליע, וועל איך האָבן אַ וויסטן סוף. ווי מיינט איר? אוודאי האָט ער דאָס גלייך אָפּגעטראָגן צו מיין ברודער עליען און האָט אים געגעבן אַ טו אַ ווייז דאָס געמאָלעכץ גלייך אין פּנים אַריין.

— דאָס דאַרף זיין מאַטלס אַרבעט! וואו איז ער ערגעץ מיט די מענטשעלעך?

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליע און זוכט מיך און קען מיך נישט געפינען. איך זיץ הינטער דער מאַמעס פּלייצעס און ווער שיער נישט דערשטיקט פאַר געלעכטער. קיין בעסער אָרט אויף צו באַ-האַלטן זיך, ווי ביי דער מאַמען, איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט!

אַ שניידער און אַ פּרעסער

מיין ברודער עליע און זיין חבר פּיניע אַרבעטן אין צוויי באַ-זונדערע פאַבריקן. איינער איז אַ שניידער. דער אַנדערער איז אַ פּרעסער. אַ שניידער דאַרף נישט נייען מיט די הענט. ער שטעפּט אויף דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קענען. עס שטעפּט זיך נישט אַליין.

ווי אַזוי האָט זיך מיין ברודער עליע אויסגעלערנט שטעפּן? מע

---

(1) חולאַת (כאַלאַס) — קראַנקהייט, שוואַכקייט.

האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבער־גיין הין און צוריק עטלעכע מאָל, און ער איז געוואָרן אַ שניידער. אויף מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט.

פּיניען האָט מען אויך אָוועקגעזעצט ביי דער מאַשין, ווי עליען. מען האָט אים אויך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין הין און צוריק מיט דער מאַשין. טוט ער אָבער אַלץ כאַפּנדיק. האָט זיך געטראָפן מיט אים אַן אומגליק — ער האָט אין איילעניש פאַרשטעפּט דעם לינקן אַרבל פון וועסטל צו דער מאַ־שין. אַ גליק כאַטש, וואָס נישט די האַנט. וויי־וויי, וואָס מע האָט זיך אָנגעלאַכט פון אים!

פּיניע גייט אַוועק אין אַן אַנדער פאַבריק און שטעלט זיך דאָרט פאַר אַ פּרעסער, אַן אונטערפּרעסער דערווייל. אַז ער וועט זיך אויס־לערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער. דערווייל ווערט נאָך פּיניע גוט פאַרשוואַרצט, און אַלץ איבער זיין טבע (1), וואָס ער האָט ליב אַלץ צו טאָן כאַפּנדיק. ער קומט אַלע טאָג אַהיים אַ צעברימטער.

איין מאָל איז ער געקומען מיט אַ צעקאַליעטשעטער נאָז. וואָס איז די מעשה? ער האָט זיך ביים פּרעסן אָפּגעברימט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסל צו זיין נאָז? לאָזט זיך אויס, אַז פּיניע האָט גאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער זיך אָנגעבויגן האַרט צום טיש און געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז אויפן אָנגעגליטן פּרעסל.

נאָר פּיניע איז אַ מענטש, וואָס זאָרגט נישט. מיט דער צייט וועט ער זיך אויסלערנען און וועט גיין העכער און העכער.

(פון בוך „מאָטל פּייסי דעם חזנס“)

די פּאָן

א.

קינדער! איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ פּאָן. ווי אַזוי איך, אַן אָרעמאַנס אַ ייִנגל, האָב באַקומען אויף שמחת־תורה אַ פּאָן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פאַרלאָרן.

איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין ייִנגעלע, האָט מען מיך גערופן „טאַפּעלע טוטעריטו“, דאָס הייסט „קאָפּל קוקעריקו“. ווייסט איר פאַר וואָס? ווייל, ערשטנס, האָב איך געהאַט אַ דין קווינטשיק קולכל, ווי אַ יונג האָנעכל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו קרייען. און,

---

(1) טבע (טעווע) — נאַטור, געוואוינהייט.

צוויטנס, האָב איך נישט געקענט אויסרעדן קיין „קוף" און קיין „גימל", און ווי אויף צו לחכעיס(1) האָט מיין טאַטע געדאַרפט הייסן קלמן, מיין מאַמע — גיטל קלמנס, איך — קאַפּל גיטל קלמנס.

— יינגעלע! ווי אַזוי רופט מען דיך?

— מיך? טאַפּל דיטל טאַלמענס...

— העכער אַ ביסל!

— טאַפּל דיטל טאַלמענס!

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט — און איך וויין.

איך וויין נישט פון דעם, וואָס מען לאַכט פון מיר, נאָר דערפאַר, וואָס מען שלאָגט מיך, איטלעכער, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער שלאָגט מיך! דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תלמידים, מען לערנט מיך, איך זאָל רעדן, „ווי אַ מענטש"...

ב.

האָבן אויף שמחת-תורה אַ פאָן, טאַקע וואָס אַ-פאָן הייסט, אַ פאָן מיט אַ שטעקעלע, פון אויבן אַן עפּל, אינעם עפּל אַ ליכטל — דאָס האָט ביי מיר אויסגעוויזן אַזאַ גליק, וואָס איך האָב מורא געהאַט אפילו צו טראַכטן פון דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פאַראַן אויף דער וועלט? למאַי(2) ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע יינגלעך אין חדר, וואָס פאַרמאָגן געלט אויף צו קויפן אַ מעסערל, אַ ביימעלע, אַ שטעקעלע! למאַי ס'זיינען פאַראַן יינגלעך אַזעלכע, וואָס עסן ווייסע בולקע אין דער וואָכן... אַזאַ מזל!

אוי, קינדערלעך, איך האָב קיין ווייסע בולקע אין דער וואָכן קיין מאָל נישט געגעסן! איך בין גערן געווען, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ ברויט צו זאַט. איך האָב נישט געוואוסט דעם טעם, וואָס הייסט אַפּעסן אַזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד נישט קענען עסן נאָך אַ מאָל.

היינט ווער שמועסט האָבן ביי זיך אין קעשענע אַ קאָפּעקע, אַן אייגענע קאָפּעקע — דאָס האָט זיך מיר אפילו נישט געחלומט.

און שטעלט אייך פאָר, אַז איך, קאַפּל קוקעריקו, ווער מיט אַ מאָל אַ גביר און באַקום מיין אייגנס צוויי און צוואַנציק קאָפּעקעס.

אפשר מיינט איר אַ נס — אַ פריץ האָט פאַרלאָרן, און איך האָב געפונען? האָט איר דווקא נישט געטראָפן. איך האָב זיי, שווער איך אייך, פאַרדינט, פאַרהאָרעוועט מיט מיינע אייגענע... פיס.

דאָס איז געווען פורים. האָט מיין טאַטע — דער אונטער-שמש(3)

---

(1) צו-להכעיס (צולאָכעס) — אומיסטן, ספּעציעל.

(2) למאַי (לעמאַי) — פאַר וואָס.

(3) אונטער-שמש (שאַמעס) — געהילף פון באַדינער.

פון שול — געשיקט איך זאָל צעטראָגן דעם שלח־מנות צווישן די באַלעבאַטים. האָב איך גענומען דאָס טעלערל מיטן פלעדל, אַרומגעטראָגן דאָס פון שטוב צו שטוב צווישן אַלע באַלעבאַטים, געקנאַטן מיט באָרוועסע פיס די קאַלטע, גליטשיקע בלאָטע, און פון גראָשנס, וואָס מען האָט מיר געשענקט פאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פּערציקער (1) מיט פיר גראָשנס.

איז געבליבן ביי מיר, איך זאָל איבערלאָזן דאָס געלט אויף סוכות — זיך קויפן אַ פאָן.

ג.

אין חדר האָב איך געהאַט אַ חבר — יואַליק, אַ נגידס (2) אַ יינגל. ער פלעגט האָבן תמיד פולע קעשענעס מיט גוטע זאַכן. נאָר יענעם געבן האָט ער פיינט געהאַט, מען זאָל זיך אויסציען פאַר אים — נישט אַ שמעק! פלוצעם האָט זיך יואַליק עפּעס אָנגעהויבן צו מיר שטאַרק צושאַרן, צושמייכלען, געוואָרן מיט מיר חבר — די נשמה!

— דו ווייסט? — מאַכט ער צו מיר. — ביסט אַ וואויל יינגל, ווי איך בין אַ ייד. איך האָב דיך ליב נאָר דערפאַר, וואָס דו האָסט פיינט בעטלען, אַזוי ווי אַנדערע: „גיב מיר אַ שטיקעלע! גיב מיר אַ פּיצעלע!" אָנקוקן קען איך נישט אָט־די בעטלערס!... אַ שטיקל קאָנפעט(3) ווילסטו?

— אַ שטיקל קאָנפעט? — זאָג איך, — פאַר וואָס נישט?

— נו, — זאָגט ער, — און ניסלעך צוויי וואָלסטו געקנאַקט?

— ניסלעך? — זאָג איך. — פאַר וואָס נישט? איך זאָל האָבן וואָלט איך דעטנאַטט.

יואַליק לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע. איך מיין, אַז דאָס נעמט ער אַרויס און גיט מיר. צום סוף רופט ער זיך אָן צו מיר:

— איך וועל דיר געבן מאַרמעלאַד אַ האַלב שטיקל און ניסלעך דריי... אויב דו וועסט זיך מיט מיר בייטן? וועסט זיך בייטן?

— בייטן? — זאָג איך, — מיט וואָס וועלן מיר זיך בייטן?

— איך וועל דיר, — זאָגט ער, — געבן דאָס מעסערל מיינס, דו ווייסט דאָך מיין ווייס מעסערל? אָן אַמתדיקס!

אַ פראַגע אַ ביסל, אויב איך ווייס יואַליקס מעסערל! ווער ווייסט נישט יואַליקס מעסערל? וויפל מאָל האָב איך אים דערויף מקנא געווען! וויפל מאָל האָב איך עס געזען אין חלום!...

---

(1) פּערציקער — רוסישע מאַנעטע.
(2) נגיד (נאָגיד) — רייכער מאַן.
(3) קאָנפעט — צוקערקע.

— נו, און איך? — זאג איך. — וואס זאל איך דיר דעבן דערפאר?
— און דו, — זאגט ער, — וועסט מיר געבן דיין זילבערנעם פערציקער.
— א חכם א ייד! — זאג איך. — פאר א פערציטער טאן מען שוין טויפן א נייַ מעסערל.
— אט אזא מעסערל? — זאגט יואליק. — פורים נאכן קאלטן קוגל!... שא, ווייסטו גאר וואס? איך גיב דיר צו א האלב פון קנעפ־לעך ביינערנע.
— פאר דעלט, — זאג איך, — טאן מען טויפן צען טויזנט טוץ טנעפלעך.
— נו, — זאגט ער, — און קאנפעטן און ניסלעך איז קיין געלט נישט? איך זאג דיר צו, אלע מאל, ווען דו וועסט בעטן, גיב איך דיר, ווי איך בין א ייד. אט האב איך א טשוואק אן אייזערנעם, זעסטו? — שענק איך דיר אוועק דעם טשוואק אומזיסט. דו זעסט, וואסער טשוואק?
—וואס דארף איך, — זאג איך, — טשוועטעס?
— ער וועט דיר, — זאגט ער, — צו נוץ קומען, נארעלע. קאנסט אים פארשלאגן וואו דו ווילסט. קאנסט מיט אים אויסגראבן א גריבל.
— וואס דארף איך, — זאג איך, — דראבן דריבלעך?
— איך וועל דיך, — זאגט ער, — לאזן דאווענען אין מיין סידורל.
— וואס דארף איך, — זאג איך, — דאווענען אין פרעמדע סידורים?
— איך וועל דיר געבן, — זאגט ער, — אנמעסטן מיין שבתדיק קאשקעטל.
— וואס דארף איך, — זאג איך, — מעסטן פרעמדע טאשטעטן?
— ווילסטו נישט? נא זשע דיר! — מאכט יואליק, און דערלאנגט מיר א בוכענצע אין זייט אריין. — געפעלט אייך א ביסל? איך גיב אים אזוי פיל זאכן: א מעסערל, און קנעפלעך, און קאנפעטן, און ניסלעך, און א טשוואק, און א סידורל, און א היטעלע אנמעסטן —וויל ער נאך נישט! א קבצנישע(1) קישקע — וויפל מען לייגט אין איר נישט אריין, איז ווינציק! ער מיינט, אז ער האט א זילבער־נעם פערציקער, איז ער שוין א גאנצער יא־טעבע־דאם!(2) ווארט אוים, טאפעלע טומאריטו, וועסט אמאל אנקומען צו מיר. נחמיה! נא, איך שענק דיר אוועק דעם טשוואק!...
יואליק שענקט אוועק דעם טשוואק נחמיהן (אן ארעם יינגל, וואס הינקט אויף א פיסל) און מיט מיר ווערט ער אוים חבר.

---

(1) קבצנישע (קאבצאַנישע) — שלעפערשע, ארעמאנסקע.
(2) א יא־טעבע־דאם — א קנאקער, אן אויספיינער.

ד.

— מזל-טוב! טוטעריטו האָט אַ פּאָן! שלום-עליכם אַ גוטער ייד!
אַזוי האָט מיך חברה באַגעגנט, אַז איך בין געקומען אויפן שולהויף מיט מיין פּאָן.
איך באַטראַכט אַלע פאָנען און וואַרף אַ בליק אויף מיין פּאָן — ווער? וואָס? ווען? ווי קומען זייערע פאָנען צו מיין פאָן?
ערשטנס, די פאָן אַליין. ביי קיינעם שטייט זי נישט אַזוי גלייך אַריינגעזעצט אין שטעקל, מען זאָל אַרויסזען ביידע זייטן. ביי קיינעם איז נישטאָ אַזאַ רויטער, גלאַטער עפּל. ביי קיינעם איז נישטאָ אַזאַ שיין געראָטן ליכטל. איך מאַך אַ פאַרגלייך צווישן מיין פאָן און די אַלע איבעריקע פאָנען — און מיין האַרץ ווערט פול מיט פרייד. די פיס טראָגן מיך. עס גלוסט זיך מיר לאַכן, שרייען, קוויטשען, כאַפּן אַ טענצל...
— אנו, ווייז נאַר! — רופט זיך אָן צו מיר יואליק דעם נגידס און בלייבט שטיין פאַרגאַפט(1).
ער באַקוקט מיין פאָן, איך באַקוק זיין פאָן. „אויך מיר אַ פאָן", — טראַכט איך מיר, — „אויך מיר אַ שטעקל!" איך זע, אַז ער איז אָן אויפגעקאָכטער, נאָר איך מאַך זיך נישט ווייסנדיק און קוק כלומרשט אין אַ זייט.
— קאַפּל ! — מאַכט ער צו מיר. — וואו האָסטו גענומען אַזאַ שיין שטעקעלע?
— האָ? — זאָג איך און דריי זיך אויס צו אים מיטן פּנים.
— וואו האָסטו דערטאַפּט, — זאָגט ער נאָך אַ מאָל, — אַזאַ שטעקעלע?
— וואָס איז דען? — זאָג איך אים, — ווילסט זיך אפשר בייטן אויף דיין טשוואָק?...
יואליק פאַרשטייט דעם שטאָך. ער טוט אַ גלאַנץ מיט די אייגעלעך, לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע און טרעט אָפּ. איך קוק אים נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. איך זע, ווי ער רופט אָפּ נחמיהן מיטן קרומען פּיסל אויף אַ זייט און סודעט(2) זיך מיט אים און ווינקט אויף מיר מיט די אויגן. איך זע גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיר נישט ווייסנדיק. אין אַ מינוט אַרום גייט צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פיסל, האַלט יואליקס פּאָן מיטן קרומען שטעקל און רופט זיך אָן צו מיר:
— גיב מיר אָנצינדן דאָס ליכטל, מיינס האָט זיך פאַרלאָשן.
— ס'איז דען דיין פאָן? — זאָג איך און בייג אים אָן מיין פאָן מיטן ליכטל, — איך ווייס דאָך, וועמענס פאָן דאָס איז...

---

(1) פאַרגאַפט — פאַרוואונדערט.
(2) סודעט (סוידעט) זיך — זאָגט שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן.

און איידער איך קוק זיך ארום, טראגט צו נחמיה זיין אנגע־צונדן ליכטל צו מיין פאן. מיין פאן צינדט זיך אן, טוט א פלאקער, פ־פ־פ — אוים פאן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עס פאלט אראפ פון הימל א שטיין גלייך מיר אין קאפ אריין, ווען א ווילדע חיה פאלט אן אויף מיר און וויל מיך פאר־צוקן, אדער ווען עס קומט מיר אנטקעגן א טויטער אין האלבער נאכט און וויל מיך ווארגן — וואלט מיין שרעק נישט באדארפט זיין אזוי גרויס, ווי בשעת איך האב דערזען מיין נאקעט שטעקל מיט דער אפגעברענטער פאן. עס האט זיך ארויסגעריסן ביי מיר פונעם הארצן א געשריי:

— אוי־ווי, מיין פאן! מיין פאן! מיין פאן!...

עס האבן זיך א גאס געטאן טרערן פון מיינע אויגן. די גאנצע וועלט איז פאר מיר געווארן פינצטער. דאס שטעקל מיטן עפל, מיטן ליכטל, זיינען ארויסגעפאלן פון מיינע הענט, און איך האב מיך גע־לאזט גיין, איך ווייס אליין נישט וואוהין. איך גיי און גיי, און גיס מיט הייסע ביטערע טרערן. איך ברעך די הענט און באוויין מיין פאן, ווי מען באוויינט א טויטן, און איך קום צו גיין אהיים איינער אליין, אן א פאן, און איך פארקלייב זיך אין א ווינקעלע, און אין דער פינצטער זיץ איך, דעם קאפ צווישן די קני, און וויין שטילער־הייט, קיינער זאל נישט הערן. און איך פרעג ביי גאט א קשיא(1):

— גוואלד, גוואלד, ריבונו־של עולם!(2) פארוואס קומט דאס מיר? פאר וואס און פאר ווען?

א פארשטערטער פסח

א.

— רב ישראל! רב ישראל? זייט זשע מוחל! איר קאנט זיך אונ־טערנעמען, ס'זאל זיין פארטיק דעם קינדס מלבושימלעך (3) אויף יום־טוב?

אזוי שרייט די מאמע צו ישראל דעם שניידער מיט אלע כוחות, ווייל ישראל דער שניידער איז טויב, ווי די וואנט.

(1) קשיא (קאשע) — פראגע.

(2) רבונו־של־עולם (ריבונוי־שעל־אוילעם) — גאט.

(3) מלבושים (מאלבושים) — קליידונג, אנטאן.

ישראל, אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנג פּנים און מיט וואַט אין די אויערן, טוט אַ האַלבן שמייכל און אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „פאַר וואָס זאָל נישט זיין פּאַרטיק?"...

— נעמט זשע אים, זייט מוחל, אַראָפּ אַ מאָס, נאָר מיט אַ תנאי (1), אויב עס קאָן זיין פאַרטיק אויף פּסח.

ישראל דער טויבער מוט אַ קוק אויף דער מאָמען, ווי איינער רעדט: „אַ מאָדנע יידענע! דאַכט זיך, גענוג, אַז מע זאָגט איין מאָל?"... און ער שלעפּט אַרויס פון בוזעם-קעשענע אַ לאַנגע פּאַפּירענע מאָס מיט אַ גרויסער ענגלישער שער און שטעלט מיך אַוועק און הייבט מיך אָן אויסצומעסטן אין דער לענג און אין דער ברייט, און די מאַמע שטייט ביי דער זייט-און קאָמאַנדעוועט:

— לענגער, נאָך לענגער!... ברייטער, נאָך ברייטער!... למען השם (2), די הייזעלעך נישט פאַרשטעלן!... און דאָס קאַפּאָטקעלע זאָל זיין מיט אַ „פאַלבאָם!"... (3) אויף עטלעכע פינגער!... נאָך, נאָך אַ ביסעלע!... אָט אַזוי!... אין סטאַן נישט זיין קורץ!... אַזוי, באַלעבאַטיש... נאָך, נאָך!... זשאַלעוועט נישט קיין מאַטעריע, וואַרעם אַ קינד וואַקסט!...

ישראל דער שניידער ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז „אַ קינד וואַקסט". ענטפערט ער נישט דאָס אַנדערע וואָרט און טוט זיך זיינס. אויסגעמאָסטן מיר אַלע אברים (4), טוט ער מיך אַ שטופּ אָפּ פון זיך, ·ווי איינער רעדט: „קאָנסט גיין, ביסט פריי!"...

מיר ווילט זיך זייער, אַז דאָס קאַפּאָטקעלע זאָל זיין פון הינטן מיט אַ שפּאַלט און מיט אַ קעשענע, נאָך דער היינטיקער „מאָדע", נאָר איך ווייס נישט, צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן. ישראל דער טויבער דרייט צונויף די מאָס אויף צוויי פינגער און רעדט בשעת מעשה צו דער מאַמען האַלבע ווערטער:

— אַ שווערער פאַר-פּסח!... גרויסע בלאָטעס!... פיש — יקרות (5)!... קאַרטאָפליעס — מיט גאָלד!... אייער — ניט אַ לעק!... אַרבעט — געשלאָגן!... נייע מלבושים — לאַ! (6)... לאַטעס און לאַטעס און לאַטעס!... אַז רב יהושע-העשל קאָן שוין הייסן איבערניצעווען אַן אַלטן פּאַליטאָ!... רב יהושע-העשל אַליין!... יאָרן!... האָ?... עק וועלט!...

---

(1) תנאי (טנאַי) — באַדינג, אָפּמאַך.

(2) למען-השם (לעמאַן-האַשעם) — דאָ באַטייט: אומבאַדינגט.

(3) פאַלבאָם — פאַלבאַן — פאַרלייגט אַ שטיקל שטאָף אויפן אַנדערן, עס זאָל זיין ברייטער.

(4) אברים (אייווערים) — גלידער.

(5) יקרות (יאָקרעס) — טייערקייט.

(6) לאַ (לוי) — ניין, נישטאָ.

די מאַמע ווערט דערפון ווינציק-וואָס נתפעל(1). זי שלאָגט איב איבער אין מיטן:

— וויפל וועט איר זיך הייסן, אַ שטייגער, אָנמעסטן אַרום און אַרום פאַר דער אַרבעט, רב ישראל?

ישראל דער טויבער נעמט אַרויס פון זשילעט-קעשענע אַ ביי-נערן ראָזשעקל (2), בייגט אויס דעם גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט אַזוי, אַז עס ווערט אַ גריבל, ער שיט אָן אין גריבל אַריין אַ בערגעלע טאַבעקע, טראָגט דאָס צו פּאַוואָלינקע צו דער נאָז און שלעפּט אַריין דאָס בערגעלע טאַבעקע אַזוי קונציק, אַז עס פּאַלט נישט קיין סימן אפילו אויף די וואָנצעס. נאָך דעם טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ זאָג:

— עט, וואָס איז שייך, מיר וועלן זיך נישט קריגן... איר פאַר-שטייט אַ מעשה? רב יהושע-הערש... איבערניצעווען אַן אַלטן פּאַ-ליטאָ!... גוואַלד געשריגן!...

— געדענקט זשע, רב ישראל, וואָס איך בעט אייך: נים שמאָל, און נישט קורץ, און אַ „פּאַלבאָס", און דער סטאַן — גראָס און „פּראָסטאָרנע"... (3)

— און אַ שפּאַל...? — וויל ג‎:ייך זיך אַריינמישן אין מיטן.

— שטיל, לאָז אויסרעדן אַ וואָרט! — זאָגט די מאַמע און דער-לאַנגט מיר מיטן עלנבויגן אין זייט אַריין. — געדענקט זשע נאָך אַ מאָל: נישט קורץ, און נישט שמאָל, און דאָס סטאַנדל, און אַ פּאָל-באָס... למען-השם, אַ פּאָלבאָס!...

— און אַ קעשענע?... — פּרואוו איך זיך נאָך אַ מאָל.

— וועסט נישט אַנטשטומט ווערן? — זאָגט צו מיר די מאַמע.

— האָסטו געזען, אַ קינד זאָל האָבן אַ טבל (4) זיך אַריינמישן, בשעת עלטערע רעדן!...

ישראל דער טויבער נעמט דאָס פּעקל סחורה אונטער דער האַנט און טוט אַ זאָג פון דער טיר:

— ווילט איר, הייסט דאָס, דווקא ס'זאָל זיין אויף פּסח?... אַ גוטן יום-טוב!

ב.

— אַ, אָט איז רב גדילה! מע זאָל דערמאָנען משיחן!... (5) איך האָב נאָר-וואָס אין זינען געהאַט צו שיקן צו אייך נאָך אַ מאָל.

---

(1) נתפעל (ניספּאָעל) — פאַרוואונדערט.

(2) ראָזשעקל — אַזאַ ביינערן קעסטעלע אויף טאַבאַק.

(3) פּראָסטאָרנע — גראָס, ברייט (רוסיש).

(4) טבע (טעווע) — געוואוינהייט.

(5) מע זאָל דערמאָנען משיחן (מאָשיאַכן) — אַזוי זאָגט מען, ווען עס קומט פּונקט דער, וואָס מע דאַרף אים האָבן.

גדליה איז אַ ייד אַ שוסטער, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, פון פאַרנט אָן ציין, מיט אַ גרויס קיילעכיק בערדל, וואָס מע דערקענט, אַז אַ מאָל, שוין לאַנג, איז דאָס געווען אין מיטן אויסגעגאָלט.

— רב גדליה! — זאָגט צו די מאַמע. — זאָגט נאָר, איר וועט זיך קאָנען אונטערנעמען אויפנייען דעם קינד אַ פּאָר שטיוועלעך אויף פּסח?

גדליה דער שוסטער איז אַ פריילעך יידל, וואָס בשעת ער רעדט, כאַפּט ער אַ טענצל.

— איר ווילט „נעפּרעמעננאַ"(1) אויף פּסח? — מאַכט ער צו דער מאַמען — ס'איז דיר אַן אַנטיק! איטלעכער וויל אויף פּסח, היהלע רב מאַטלס האָב איך צוגעזאָגט אויף פּסח צוויי פּאָר באַ־טיקלעך, פּאָר איר און פּאָר דער טאָכטער, — מוז מען איר מאַכן... יאָסעלע רב שימעלעס האָט באַשטעלט ביי מיר פיר פּאָר שטיוועּ־לעך אויף פּסח — מוז מען מאַכן... היינט פייגעלע רב אברהמס האָב איך שוין לאַנג צוגעזאָגט אַ פּאָר באַטיקעס, עס זאָל פאַלן שטיינער פונעם הימל — וועט נישט העלפן! און משה דער שניידער האָט מיך געבעטן אַ פּאָר קעפּלעך, קאָן מען אים אויך נישט אָפּזאָגן! היינט אָסנע דער אַלמנהס מיידל האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, איך זאָל...

— הכלל, — שלאָגט אים איבער די מאַמע, — לאָמיר הערן ווערטער: קאָנט איר, הייסט דאָס, נישט אונטערנעמען זיך, ס'זאָל זיין פאַרטיק אויף פּסח? שיק איך נאָך אַן אַנדערן שוסטער...

— פאַר וואָס זאָל איך נישט קאָנען? — זאָגט גדליה מיט אַ טענצל. — צוליב אייך לייג איך אַוועק אַלע אַנדערע אַרבעטן — און אייערע שטיוועלעך מוזן זיין אויף פּסח, ס'איז עפּעס אַ תירוץ?(2)

און גדליה דער שוסטער קראַצט אוים אַ שטיקל פּאַפּיר, שטעלט זיך אַוועק אויף איין קני און נעמט מיר אַ מאָס.

— לאָזט צו נאָך קאַפּעטשקע, — זאָגט די מאַמע. — נאָך, נאָך... וואָס זשאַלעוועט איר אַ שטיקל לעדער?... אָט אַזוי... ס'זאָל אים חלילה נישט קוועטשן אין די פינגער!

— קוועטשן אין די פינגער. — זאָגט איר נאָך גדליה.

— לעדער זאָלט איר געבן, רב גדליה, פונעם בעסטן. איר הערט? נישט קיין פוילן.

— פוילן. — זאָגט איר נאָך גדליה.

— פּאָדעשוועס זאָלט איר לייגן גוטע, זיי זאָלן ניט אָפּרייבן זיך.

— אָפּרייבן זיך. — זאָגט נאָך גדליה.

---

(1) נעפּרעמעננאַ — אומבאַדינגט (רוסיש).

(2) תירוץ (טערעץ) — פאַרענטפערונג.

— און די אַפּצאַסן(1) זאָלן חלילה נישט אָפּשפּרינגען.
— אָפּשפּרינגען. — זאָגט נאָך גדליה.
— איצט קאָנסטו גיין אין חדר אַריין. — זאָגט מיר די מאַמע.
— דו זעסט כאַטש, ווי מע ברענגט זיך אוים פון דיינעטוועגן? זאָלסט כאָטש וועלן לערנען, וועסטו זיין אַ מענטש, אַגישט, — וואָס וועט פון דיר זיין? אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ הינטשלעגער!...
איך וויים נאָך אַליין נישט, וואָס עס וועט פון מיר זיין: אַ מענטש, אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אָדער אַ הינטשלעגער? איך ווייס נאָר, אַז בזה הרגע(2) ווילט זיך מיר זייער-זייער, אַז די שטיוועלעך זאָלן מיר סקריפּען. אוי, ווילט זיך מיר סקריפּקעס!...
— וואָס ביסטו געבליבן שטיין, ווי אַ ליימענער גולם? — רופט זיך אָן צו מיר די מאַמע. — פאַר וואָס גייסטו נישט אין חדר אַריין? גיי, מע וועט שוין מער נישט געבן גאָרנישט!
גדליה דער שוסטער לאָזט זיך גיין און קערט זיך אום צוריק.
— ווילט איר, הייסט דאָס, ניעפּרעמיעננאָ״ אויף פּסח? — זאָגט גדליה. — אַ גוטן יום-טוב!...

ג.

גייענדיק פונעם חדר אַהיים, כאַפּ איך זיך אַריין קודם-כל(3) צום שניידער וועגן דעם שפּאָלט און מכה דער קעשענע.
ביי אַ גרויסן טיש שטייט ישראל דער טויבער אָן אַ קאַפּאָטע, פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אויפן האַלדז עטלעכע לאַנגע פאָדעמס, אין זשילעט עטלעכע נאָדלען. ער צייכנט מיט אַ קריידל, שערט מיט אַ שער, קראַצט זיך מיטן מיטלסטן אויסגעבויגענעם פינגער פון הינטן און רעדט צו זיך אַליין האַלבע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז:
— „פּאַלבאַמעס״ מאַך זיי... גראָם זאָל זיי זיין... „פּראָסטאַר-נע״... פון וואָס? — מע שניידט זיך די פינגער... קוים, קוים... ווי מיט קרעפּלפלייש...
ארום טיש זיצן עטלעכע שניידעריונגען און נייען, וואַרפן מיט די נאָדלען גיך-גיך און זינגען אַלע אין איינעם אַ לידל
— וואָס וועסטו זאָגן, יינגעלע? — מאַכט צו מיר ישראל.
— אַ שפּאָלט. — זאָג איך.
— האַ? — מאַכט ישראל און בייגט זיך צו מיר מיטן אויער.
— אַ שפּאָלט! — שריי איך צו אים הויך, ער זאָל דערהערן.
— אַ שפּאָלט?

---

(1) אַפּצאַסן — קנאַפּל.
(2) בזה הרגע (באָזע האָרעגע) — אין דעם מאָמענט.
(3) קודם-כל (קוידעם־קאָל) — פריער פון אַלץ.

— אַ שפּאַלט!
— וואו אַ שפּאַלט?
— פון הינטן.
— וואָס פון הינטן?
— אַ שפּאַלט! מיט אַ קעשענע!
— וואָס פאַר שפּאַלטן? וואָס פאַר קעשענעס? — מישט זיך אַריין כאַסיע די שניידערין, אַ קליין ווייבעלע, וואָס זיצט און טוט דריי אַרבעטן מיט אַ מאָל: מיט אַ פוס וויגט זי אַ קינד, מיט די הענט אַרבעט זי אַ זאַק און מיטן מויל רעדט זי און בייזערט זיך:
— נאַ דיר גאָר שפּאַלטן! נאַ דיר גאָר קעשענעס! וואו האָסטו אויף קעשענעס? ער וויל קעשענעס? לאָז אים די מאַמע געבן אויף קעשענעס, וועט ער האָבן קעשענעס! נאַ דיר גאָר קעשענעס!...
איך האָב שוין חרטה אויף דער גאַנצער מעשה. עס זאָל כאָטש נישט אָנקומען צו דער מאַמען!
— ווילסטו, הייסט דאָס, ס'זאָל זיין דווקא מיט אַ שפּאַלט? — מאַכט צו מיר ישראל דער שניידער און נעמט אַרוים דאָס ראָזשעקל מיט טאַבעקע. — גיי, יינגעלע, אַהיים, סע וועט זיין אַ שפּאַלט.
— און מיט אַ קעשענע? — זאָג איך צו אים און מאַך פאַר אים אַ רחמנות-פּנים.
— גיי, יינגעלע, אַהיים, — מאַכט צו מיר ישראל, — איך וועל שוין זען, ס'זאָל זיין אַלצדינג...
איך נעם די פיס אויף די פּלייצעס און לויף אַוועק פון דאָרטן מיט אַ שמחה צו גדליה דעם שוסטער מכח סקריפּקעס אין די שטי-וועלעך.
גדליה דעם שוסטער טרעף איך נישט אין דער היים. ביים וואַר-שטאַט זיצט זיין אַרבעטער קאַרפּע איבער אַן אויסגעגלעטער פּאַ-דעשווע.
קאַרפּע איז אַ געזונטער, אַ ברייטביינינקער שייגעץ, מיט אַ גע-שטופּלט פּנים, מיט אַ לעדערן רייפל אויף די שוואַרצע האַרטע האָר.
— וואָס דו, יינגעלע, ווילסט? — מאַכט ער צו מיר אויף יידיש.
— כאַזשאַיען! — ענטפער איך אים אויף רוסיש. — יאַ אָטשעם כאָטיל אימעט דאַ וואַש כאַזשאַיען גדילה! (1)
— באַלעבאָס געגאַנגען מאַך אַ קידוש (2), טרינק אַ בראָנפן.
— מאַכט צו מיר קאַרפּע ווידער אויף יידיש, און בכדי איך זאָל פאַרשטיין אַקוראַט, וואָס ער מיינט, טוט ער זיך אַ שנאָל מיטן פינגער איבערן האַלדז.

(1) „איך האָב זייער געדאַרפט האָבן אייער באַלעבאָס גדליה" (געדאַליע) (דאָס איז געזאָגט אויף אוקראַיניש, אַ ביסל צעדרייט).
(2) קידוש — דאָ געמיינט: געגאַנגען אויסטרינקען.

איך זעץ זיך אוועק אקעגן אויף א לעדערן בענקל און לאז זיך אריין מיט קארפען אין א ברייטן שמועס מכח לעדער, מכח שטיוול, פלעקלעך, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז איך קום ארויף אויף סקריפ-קעס. ער רעדט אויף יידיש, און איך אויף רוסיש. פארשטייט ער נישט, וואס איך רעד, מאך איך צו אים מיט די הענט:

— יא זשע טאבי, נארישער קאפ, דברן פא וואשעמו: קאזשי מיני שכל שא טשאבעטקעלע מאכן טררר! טררר! (1)

— דו בעסער רעד יידיש! — מאכט צו מיר קארפע, טוט א לעק די פאדעשווע מיט דער צונג און מאכט א צייכן מיט זיין גראבן שווארצן נאגל ביי דער זייט פאדעשווע.

— וואס איז דער שכל, — זאג איך שוין צו אים אויף יידיש, — וואס איז דער טעם פון סקריפקעס? — וואס לייגט איר אזעל-כעם אין שטיוועלעך, זיי זאלן סקריפען?

— א? סקריפקי? — מאכט קארפע. — א שטיוועלע סקריפען דארף מען א צוקער.

— פשוט, — זאל איך, — צוקער? וואס איז דער שכל?

— א צוקער? — זאגט קארפע און גיט מיר צו פארשטיין דעם שכל: — א צוקער קלאפ-קלאפ, שטיוועלעך סקריפ-סקריפ...

— אהא? — מאך איך צו אים. — דעם צוקער מסתמא צעקלאפט מען, טרישטשעט ער. נו, און ווייטער לייגט מען ניט אריין גארנישט?

— א בראנכן, — מאכט קארפע, — א ביסנעם בראנכן.

— בראנפן? — סקריפ-סקריפ, אבער וואדקי? נאשטשא טאבי וואדקי? (2).

קארפע מוטשעט זיך און גיט מיר צו פארשטיין, און דווקא אויף יידיש, דעם שכל, אויף וואס מע באדארף האבן בראנפן. איידער מע לייגט אריין, זאגט ער, אין די שטיוועלעך דעם צוקער, מוז מען פריער די פאדעשווע גוט באשפריצן מיט בראנפן, אנישט נעמט זיך נישט גוט צו דער צוקער.

— אהא! — זאג איך. — יא אוזשע דאברע צעקיים. יאק נע בודע וואדקי, טאק נע בודע סאבער, יאק נע בודע סאבער טאק נע בודע סקריפען (3). — און איך עפן אויף דאס בייטעלע און גיב אפ קארפען מיין גאנץ פארמעגן: דאס גאנצע חנוכה-געלט, מיטן שלח-

---

(1) „איך רעד דאך מיט דיר, נארישער קאפ, אויף דיין שפראך! זאג זשע מיר, ווי קומט דאס, וואס א שטיוועלע סקריפעט?"

(2) „צו וואס בראנפן? מילא צוקער — סקריפ-סקריפ! אבער בראנפן — צו וואס דארפסטו בראנפן?"

(3) „אהא, איך האב שוין גוט צעקיימט! וועט נישט זיין קיין בראנפן, וועט נישט זיין קיין צוקער; און אז ס'וועט נישט זיין קיין צוקער, וועט נישט זיין קיין סקריפען".

מנות-געלט, און געזעגן זיך אַפּ מיט אים גאָר פריינדלעך, און קאַרפּע רוקט אַריין אַ גרויסע, שוואַרצע האַנט, אויסגעשמירט מיט סמאָלע.

איך לויף אַהיים איבערבייסן, און פון דאָרט — צוריק אין חדר אַריין זיך באַרימען פאַר אַלע ייִנגלעך, וואָס פאַר אַ מין מלבושים-לעך מע נייט מיר אויף פסח: אַ קאַפּאָטקעלע פון הינטן מיט אַ שפּאַלט און מיט אַ קעשענע! און שטיוועלעך מיט סקריפּקעס! מיט סקוײפּקעס! סקריפּקעס!...

ד.

— מאַמע, איך בין פריי! — קום איך צו לויפן אַהיים אַ פּאָר טעג פאַר פסח און זאָג איר אָן אַ בשורה (1), אַז מע האָט אונדז צעלאָזט פונעם חדר.

— אַ גדולה אויף דער באָבע! זאָלסט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות! — ענטפערט די מאַמע, וואָס איז פאַרטאַרעראַמט מיטן פסח.

איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען. וואו איך זיץ און וואו איך שטיי און וואו איך גיי — איז שלעכט.

איך דריי זיך אַרום פון איין אָרט אויפן אַנדערן, פּלאָנטע זיך אונטער די פיס. איך כאַפּ אַ שטורך, אַ זעץ, אַ שליידער.

— איינגעזונקען זאָל ווערן דער רבי דיינער! קראַנק געוועזן אייך האַלטן אין חדר נאָך אַ טאָג! ביי לייטן קינדער זיצן אויף איין אָרט זיצן זיי... קראַנק אַזאַ בחורל פון כמעט דאָס ניינטע יאָר נעמען עפּעס טאָן, איבערכאַזערן נאָך אַמאָל די פיר קשיות (2).

— מאַמע, — זאָג איך, — איך קען זיי שוין אויף אויסנווייניק!

— אַ גדולה! — זאָגט די מאַמע. — קאָסט קאַרג געלט קאָסטו.

קוים מיט צרות דערלעבט דעם אויפדערנאַכט. „סך-הכל איין מעת-לעת, — טראַכט איך מיר. — נאָך איין נאַכט און איין טאָג — און איך וועל זיך אָנטאָן יום-טובדיק ווי אַ פּרינץ, אַ ניי קאַ-פּאָטקעלע מיט אַ שפּאַלט און מיט אַ קעשענע פון הינטן, און די שטיוועלעך וועלן סקריפּען!... וועט מיך די מאַמע מסתמא פרעגן: „וואָס איז דאָס פאַר אַ סקריפּעריי?" וועל איך זיך מאַכן קלאָמערשט ווי איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן... היינט דער סדר, די פיר קשיות, און די פסחדיקע מאכלים (3): לאַטקעס, און קניידלעך, און קוגעלעך, און כרעמזלעך"... איך דערמאָן זיך אָן די מאכלים, און עס הייבט מיר אָן צו ציען דאָס האַרץ. איך האָב אַ גאַנצן טאָג כמעט נישט געגעסן.

---

(1) בשורה (בסורע) — נייס.

(2) קשיות (קאַשעס) — פראַגעס.

(3) מאכלים (מײכאָלים) — שפּייזן, געריכטן.

— לייען אַפּ קריאַת־שמע (1), — זאָגט צו מיר די מאַמע, — און גיי לייג זיך שלאָפן. היינט עסט מען נישט קיין וועטשערע: ס'איז ערב פּסח...

איך לייג זיך שלאָפן, און עס חלומט זיך מיר, אַז ס'איז שוין פּסח... איך גיי מיטן טאַטן אין שול אַריין דאַווענען.. מיינע נייע מלבושימלעך קנאַקן... מיינע שטיוועלעך סקריפּען: סקריפּ! סקריפּ! סקריפּ!... „ווער גייט דאָס?" — פרעגן פרעמדע מענטשן. — „דאָס איז מאָטל"... פּלוצעם — איך ווייס נישט פון וואַנען עס נעמט זיך אַ שוואַרצער, אַ קודלאַטער הונט און פאַלט אָן אויף מיר „האַוו־האַוו" און כאַפּט מיך פאַרן קאַפּאָטקעלע... שטייט דער טאַטע און האָט מורא צוגיין, און מאַכט מיט די הענט און שרייט: „פּאַשאָל! פּאַשאָל!"(2)... הערט אים נישט דער הונט און רייסט מיר אָפּ אַ האַלב קאַפּאָטקעלע און וויל אַנטלויפן... לויף איך אים נאָך מיט אַלע כוחות און פאַרליר אַ שטיוועלע, און בלייב שטיין אין דער בלאָטע מיט איין שטיוועלע, און מיט איין באָרוועס... הייב איך אָן וויינען און שרייען: „גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!"... און איך כאַפּ זיך אויף און דערזע אונדזער דינסטמיידל ביילע שטייט נעבן מיר, רייסט פון מיר די קאָלדרע און שלעפּט מיך פאַר אַ פוס:

— זע נאָר, ווי מע קאָן אים נישט דערוועקן! שטיי שוין אויף! די מאַמע האָט געהייסן, מע זאָל דיך אויפוועקן!...

ה.

אין שטוב ווערט פּסחיק... אומעטום איז ריין, דער טיש איז אָנגעגרייט... די אַרבע כוסות (3) שמייכלען צו מיר פון דער ווייטן... אָט־גרייט... די אַרבע כּוסות (3) שמייכלען צו מיר פון דער ווייטן... אָט־אָט, נאָך אַ שעה וועט ווערן פּסח... אָט־אָט, נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, וועל איך זיך אָנטאָן יום־טובדיק... נאָר ביז דער שניידער מיטן שוסטער וועלן מיר ברענגען מיין יום־טובדיק אָנטאָן, מאַכט מיך די מאַמע דערווייל פּסחיק: זי צוואָגט מיר אויס דאָס קעפּל מיט הייס זודיק וואַסער און מיט אַ געלעכל פון אַן איי. זי קעמט מיך און רייסט מיר די האָר, קנייטש איך זיך, שענקט זי מיר אַלעמאָל אַ שטורך מיטן עלנבויגן, אָדער אַ פּאַטש:

— דו וועסט נישט אויפהערן דרייען זיך, ווי אַ וואָרעם?... אַ קינד זאָל נישט קענען איינשטיין! מע טוט אים גוטס, איז ער נאָך נישט צופרידן!...

---

(1) קריאַת־שמע (קרישמע) — די תפילה, וואָס מע זאָגט פאַרן שלאָפן גיין.

(2) פּאַשאָל — אַוועק!

(3) אַרבע־כוסות (אַרבע־קויסעס) — פיר גלעזלעך (ס'איז איינגעפירט צו טרינקען ביים סדר פיר מאָל ווייַן).

איבערגעקומען דאָס צוואָגן זיך אויך, זיץ איך מיר אין אייך העמדל ביים טיש און וואַרט אויף מיינע מלבושימלעך. אַזעלכע מלבושימלעך, ווי ביי מיר, וועט נישט זיין ביי קיינעם! נאָר למאַי(1) ברענגט מען זיי נאָך נישט? וואָס איז די מעשה? טאָמער זענען זיי חלילה נישט פאַרטיק אויף פסח — דאָס וויל איך גאָרנישט נעמען אויפן קאָפּ! ווי אַזוי וועל איך גיין אין שול אַריין? וואָס וועלן זאָגן מיינע חברים? ווי אַזוי וועל איך זיך זעצן צום סדר? די שעה זאָל גאָר נישט זיין, איך וועל דאָס גאָר נישט איבערטראָגן!...

אַזוי ווי איך זיץ פאַרטיפט אין די טרויעריקע מחשבות, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין ישראל דער שניידער מיט דער אַר־בעט. פאַר גרויס שמחה כאַפּ איך זיך אויף, טו אַ שפּרונג און פאַל מיטן בענקל אין איינעם, שיר נישט געבראָכן האַלדז־און־נאַקן. לויפט אַריין די מאַמע פון קיך מיט [illegible]חיקן שמאַלצלעפל אין האַנט.

—וואָס האָט דאָס אַזוי [illegible] געגעבן, וואָס? ווער איז דאָס גע־פאַלן, ווער? ס'איז דו, ב[illegible]ענען זאָלסטו נישט אויפן פייער? אַ רוח, אַ שד (2), נישט קיין קינד! האָסטו זיך חלילה נישט אַ זעץ געטאָן ערגעץ, חלילה? אַ מצוה (3) אויף דיר! לויף נישט, שפּרינג נישט! גיי ווי אַ מענטש!...

און צו ישראל זאָגט זי:

— איר האַלט וואָרט, רב ישראל! און איך האָב שוין געוואָלט שיקן צו אייך!

ישראל טוט אַ האַלבן שמייכל און אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „אַ שיינע מעשה, כ'לעבן! איך זאָל נאָך נישט האַלטן קיין וואָרט?"...

די מאַמע לייגט אַוועק דעם שמאַלצלעפל און העלפט מיר אַריינ־קריכן אין די נייע הייזלעך אַריין, און פון אויבן טוט זי מיר אָן דאָס קאַפּאָטקעלע און איז צופרידן, וואָס ס'איז גענוג גראָם און „פּראָסטאָרנע"...

איך טו מיך אַ טאַפּ פון הינטן — אַ צרה, אַ שלאַק: נישטאָ קיין סימן פון קיין שפּאַלט און פון קיין קעשענע! פאַרנייט, גלאַט, גאַנץ אַרום און אַרום!...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קישקע? — רופט זיך אָן פּלוצעם די מאַמע צו ישראל. דעם טויבן און דרייט מיך אויף אַלע זייטן.

ישראל דער טויבער נעמט אַרויס דאָס ראָזשעקל, בייגט אויס דעם פינגער, שיט אָן אַ בערגעלע טאַבעקע און ציט אַריין אין נאָז אַריין.

---

(1) למאַי (לעמאַי) — פאַר וואָס.

(2) רוח (רועך), שד (שעד) — טייוול.

(3) אַ מצווה (מיצווע) — דאָ געמיינט: האָסט עס פאַרדינט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קישקע? — זאָגט די מאַמע נאָך אַ מאָל און טוט מיך אַ דריי.

— וואו האָט איר אַ קישקע? — זאָגט ישראל און טוט מיך אַ דריי צוריק. — דאָס איז דער „פּאַלבאָם". איר האָט דאָך געבעטן אַ „פּאַלבאָם" זאָל זיין. איר האָט שוין פאַרגעסן?

— אַ שיינער פּאַלבאָם! — זאָגט די מאַמע און טוט מיך אַ דריי.

— אַ בייזע ווייסטע חלשות! פע, אַ בזיון! (1) כ'לעבן, אַ בזיון!

ישראל פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ. ער באַטראַכט מיך פון אויבן ביז אַראָפּ, ווי אַ פּראָפעסאָר, און זאָגט, אַז עס ליגט אויסגעצייכנט גוט, מע באַדאַרף גאָר נישט בעסער! „אַזאַ אַרבעט מאַכט מען ניט אַפילו אין פּאַריזש! דאָס קאַפּאָטקעלע זינגט, ווי איך בין אַ ייד, סע זינגט!"...

— געפעלט דיר דאָס זינגען, וואָס סע זינגט? — זאָגט די מאַמע און פירט מיך צו צום טאַטן. — וואָס זאָגסטו אויף דעם געזאַנג?

דער טאַטע דרייט מיך אויף אַלע זייטן, באַטראַכט דאָס קאַפּאָטקעלע און געפינט, אַז די הייזלעך זענען יאָ אַ ביסל צו לאַנגלעך...

ישראל נעמט אַרויס דאָס ראָזשעקל און איז מכבד דעם טאַטן מיט אַ שמעק טאַבעקע.

— צו לאַנגלעך די הויזן, רב ישראל!

— האָ?... וואָס?... לאַנגלעך, זאָגט איר? ווייסט איר נישט, וואָס מע טוט? פאַרקאַטשעט מען זיי.

— זענט איר אפשר אויך גערעכט. — זאָגט דער טאַטע. — וואָס זשע טוט מען אָבער, אַז זיי זענען אַ ביסל צו ברייט, ווייזן אויס ווי צוויי זעק?

— אַ חסרון די כלה איז צו שיין! — מאַכט ישראל, און ציט אַריין אַ בערגעלע טאַבעקע אין נאָז אַריין. — ברייט, זאָגט איר? שמאָל איז ערגער, טויזנט מאָל ערגער!...

איך הער נישט אויף צו טאַפּן זיך פון הינטן: איך זוך דעם שפּאַלט מיט דער קעשענע.

— וואָס זוכסטו דאָרטן? — זאָגט צו מיר די מאַמע. — דעם נעכטיקן טאָג?

„אַלטער ליגנער!" — טראַכט איך מיר און קוק אויף ישראלן, ווי אַ גזלן.

— פאַרניי געזונט! — זאָגט צו מיר די מאַמע, אַז ישראל דער שניידער גייט אַוועק, און זי הערט זיך ניט אויף צו שפּיגלען אין מיין קאַפּאָטקעלע. — דו זאָלסט זיך נאָר נישט אָנהייבן מיט קיין

---

(1) בזיון (ביזאָיען) — אַ שאַנד, אַ בושה.

קונדייסים, נישט שלאגן זיך, ווען דו וועסטו דאס, אם ירצה השם (1) טראגן און טראגן, אבי געזונט!...

ז.

אט איז רב גדליה אויך! — זאגט די מאמע. — מע זאל דער־מאנען משיחן!... פארטיק דעם קינדס שטיוועלעך?

— נאך א מין פארטיק! — זאגט גדליה דער שוסטער מיט א טענצל און טראגט די אויסגעפוצטע שטיוועלעך אויף א פינגער, ווי מע טראגט אויף א שטענגל פרישע צאפלדיקע פיש, נאר־וואס גע־כאפט פונעם טייך. — ס'איז דיר נאר אן אקציע מיט זיי!... די גאנצע וועלט וויל אויף פסח זאל זיין פארטיק! איך האב געארבעט מיט דער גאל, באדאי נישט געשלאפן די נאכט!... איך, אז איך גיב א ווארט, מעג דונערן און בליצן!...

די מאמע מעסט מיר אן די שטיוועלעך, טאפט מיך און קוועטשט מיך, און פרעגט מיך, צי פיל איך נישט, אז עס זאל מיר ערגעץ קוועטשן?

— קוועטשן, — זאגט גדליה, — מיר דאכט, אז אין די שטי־וועלעך קאנען אריין נאך א פאר פיסלעך, ווי ביי אייער זון.

— אנו, שטעל זיך אקארשט אנידער אויף דער ערד! — זאגט די מאמע.

איך שטעל זיך אנידער און קוועטש די פאדעשוועס, איך וויל הערן, ווי זיי סקריפען — ווער? וואס? ווען? קיין פיפס הערט מען פון זיי נישט!...

— וואס קוועטשטו אזוי? — זאגט צו מיר די מאמע. — האב צייט, דאס יאר איז נאך געננוג גרויס! איך בין דיר ערב (2), אז דו וועסט זיי, אם ירצה השם, צעררייסן ביז איבער א יאר פסח!... אצינד גיי זיך דורך מיטן טאטן צו יחיאל דעם קירזשנער, וועט מען דיר אויסקלויבן א קאשקעטל (3) אויף יום־טוב, נאר פאוואליע די שטיוועלעך! קלאפ נישט אזוי מיט די פאדעשוועס, זיי זענען נישט פון אייזן!...

יחיאל דער קירזשנער זיצט די אנדערע שטוב פון אונדז. מיר באפן זיך אריין דורכן הויף צו אים אין קלויט אריין.

יחיאל איז א ייד פון געבארן דוקא א ווויסער, מיט ווייסע האר, נאר אזוי ווי ער האט שטענדיק צו טאן מיט שווארצע געפארבטע הייטלען, איז ער שטענדיק ווי אויסגעשמירט אין סאזשע, די נאז

(1) אם ירצה השם (אירצעשעם) — אז גאט וועט וועלן.
(2) איך בין ערב (אָרעוו) — איך פארזיכער, גאראנטיר.
(3) קאשקעט — היטל.

איז ביי אים תמיד פון ביידע זייטן פארבלויט, און די פינגער זע־נען ווי אריינגעטונקען אין טינט.

— ברוך־הבא, א שכן, סקאצל קומט! (2) — מאכט צו אונדז יחיאל דער קירזשנער גאר פריינדלעך. — פאר וועמען ווילט איר דאס א קאשקעט אויף יום־טוב? פאר זיך אליין טאקע, צי פאר אייער יינגל?

— פאר מיין זון, — זאגט דער טאטע מיט גדלות. — נאר איר זאלט מיר ווייזן עפעס רעכטס... עפעס אזעלעכס... איר פארשטייט?...

— דהיינו? (3) — פרעגט יחיאל און קוקט אויף די פאליצעס.

— דהיינו, — זאגט דער טאטע און ווייזט אים אויף די הענט, — ס'זאל זיין אי פיין, אי שיין, אי גוט, אי וואלוול, אי אזוי... איר פארשטייט?

— האב איך פון אייערטוועגן פונקט דאס, וואס איר באדארפט!

— מאכט יחיאל און טוט א כאפ פון דער פאלעצע עטלעכע הי־טעלעך מיט א מאל, און איטלעכס היטעלע, בשעת ער טוט עס א נעם אויף דער האנט, טוט זיך דאס ביי אים א דריי אליין פון זיך, עפעס טאקע נאר ווי דורך א כישוף!... אלע מינוט מעסט ער מיר אן אן אנדער היטעלע, טרעט אפ אויף א האלבן ארשין (4), טוט מיר א קוק אין פנים אריין מיט א שמייכעלע און זאג צום טאטן:

— לאמיר האבן אזא יאר, ווי עס פאסט אים! הא? ווי געפעלט אייך א היטעלע? שוין איין מאל א היטעלע!

— ניין, רב יחיאל, נישט דאס מיין איך! — זאגט דער טאטע און ווייזט אים אויף די פינגער. — איך וואלט וועלן א מין קאש־קעטל אזעלעכס, ס'זאל זיין, איר פארשטייט, א מין יידיש טאקע, נאר מיט דער מאדע, אן צאצקעס, באלעבאטיש, און, און, און... איר פארשטייט?

— זאגט זשע אזוי! — מאכט יחיאל און כאפט אראפ מיט א לאנגן שטעקן פון דער אייבערשטער פאלעצע א קאשקעטל א האלב־קיילעכיקס, א קאלירנדיקס, מיט קעסטעלעך, מיט א ווייך דאשעקל, און טראגט דאס צו אויף איין פינגער, און עס דרייט זיך ביי אים ניך־ניך, ווי א מילכל... פאוואלינקע טוט ער דאס מיר אן אויפן שפיץ קאפ, קוים וואס ער רירט זיך צו, גלייך ווי מיין קאפ וואלט געווען פון דין גלאז און ער האט מורא, ער זאל זיך נישט צעברעכן, און ער ווינטשט זיך אזא יאר, אזא מזל, ווי דאס קאשקעטל פאסט מיר!

---

(2) ברוך־הבא (בארעך־האבא), סקאצל קומט — באגריסונגען ביים בא־גענענען א גאסט.

(3) דהיינו (דעהיינע) — דאס הייסט, צום ביישפיל.

(4) ארשין — אמאליקע רוסישע לענגמאס (עטוואס ווייניקער ווי א מעטער).

ס'איז מער נישטאָ ביי אים, זאָגט ער, ווי דאָס איינס, ער זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס!...

דער טאַטע דינגט זיך מיט אים לאַנג־לאַנג, יחיאל שווערט זיך, אַז נאָר צוליב אונדז גיט ער דאָס אַוועק אַזוי וואָלוול, כמעט אונטערן קרן (1), ער זאָל אַזוי האָבן אַ כשרן פּסח און אַלדאָס גוטס!...

איך זע, אַז דעם טאַטן איז דאָס קאַשקעטל שטאַרק געפעלן, טחמת ער גייט צו אַלע מאָל, שפּיגלט זיך אין דעם, טוט מיר אַ גלעט די פּאַהלעך.

— ער זאָל כאָטש איבערטראָגן דעם זומער. — זאָגט דער טאַטע.

— צוויי זומערן! — זאָגט יחיאל און שפּרינגט אונטער צום טאַטן. — דריי זומערן! אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ קאַשקעטל דאָס איז! פאַרניץ געזונט...

ביז איך קום אַריין אין שטוב אַריין, איז שוין דאָס קאַשקעטל ביי מיר אויף די אויערן. איך פיל, אַז ס'איז אויף מיר אַ ביסל צו גרויס.

— אַן אַן אומגליק. אַבי ס'איז נישט ענג! — זאָגט די מאַמע און רוקט דאָס מיר אַן כמעט ביז דער נאָז. — זאָלסט דאָס נאָר ניט אויסטאָן אַלע מינוט און אָנטאָן צוריק! זאָלסט נישט טאַפּן מיט די הענט!... טראָג געזונט!...

ז.

געקומען מיטן טאַטן פאַרנאַכט אין שול אַריין דאַוונען, טרעף איך שוין דאָרטן אַלע מיינע חברים: איציק און בערל, און לייבל, און אייזיק, און וועלוול, און קאָפּל, און שעפּטל און נאָך און נאָך. אַלע־גייען אָנגעטאָן יום־טובדיק. אַלע מיט נייע קאַפּאָטקעלעך, אַלע מיט נייע שטיוועלעך, נייע קאַשקעטלעך. נאָר קיינער טראָגט נישט אַזאַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ „פּאַלבאָס" ווי איך, קיינער גייט נישט אין אַזעלכע „שטיוואַלעס" ווי איך. און ביי קיינעם זעט זיך נישט אַזאַ מין משונה (2) מאָדנע קאַשקעט, ווי ביי מיר... פון שפּאַלטן, פון קעשענעס און פון סקריפּקעס רעד איך שוין ניט, מע האָט מיך רעכט אָפּגענאַרט, אָנגעטאָן אַ ספּאָדעק!...

„חברה" האָט מיך באַגעגנט מיט אַ געלעכטער:

— אָט דאָס זיינען דיינע נייע בגדימלעך (3), וואָס דו האָסט זיך אַזוי באַרימט? וואו איז דיין שפּאַלט פון הינטן? וואו איז דיין קעשענע, וואָס דו האָסט געזאָגט? פאַרוואָס הערט מען נישט עפּעס דיינע שטיוועלעך זאָלן סקריפּען?...

---

(1) קרן (קערן) — דאָ געמיינט: אייגענע קאָסטן.

(2) משונה (מעשונע) — אומגעוויינלעך, מאָדנע.

(3) בגדים (בעגאָדים) — אָנטאָן, קליידונג.

גענוג ס'איז מיר אזוי אויך שווער אויפן הארצן, זאלצן זיי מיר נאך אויף די וואונדן! איטלעכער זאגט אויף מיר אן אנדער שטעכווערטל:

איציק זאגט: וואס איז דאס ביי דיר פאר א קאפאטוכע?

בערל: א כאלאט!

לייבל: א כלאמידע!

אייזיק: א זשיפעצע!

וועלוול: א קליידל!

איציק: א קרענאלינע!

קאפל: זע נאר א פאר תחתונים (1) מיט צוויי „טשאבעטעס"!

לייבל: און א קאשקעהוט!

בערל: א קאטערוכע!

שעפטל: א לאקשנטאפ!

איך בין אזוי צעקאכט, אז איך הער אפילו נישט הערש-בער דעם חזן, ווי שיין ער דאוונט... איך קום צו זיך נאר דעמלט, ווען דער עולם זאגט שוין איינער דעם אנדערן „א גוט יום-טוב! א גוט יום-טוב! א גוט יום-טוב!"... מיט א שווער געמיט און מיט א פארקלעמט הארץ גיי איך מיטן טאטן אהיים, קוים וואס איך שלעפ די פיס. עס ברענט א פייער אין מיין הארצן! עס גייט מיר נישט איין די ארבע כוסות, וואס מיר וועלן באלד טרינקען; די פיר קשיות, וואס איך וועל פרעגן דעם טאטן; די גוטע געפעפערטע פיש, וואס מיר וועלן עסן מיט אונטערגעווייקטער מצה, די הייסע קניידלעך און כרעמזלעך מיט די פאלירטשיקעס, מיט די אלע איבעריקע גוטע זאכן — אלץ, אלץ איז מיר נישט ליב, נמאס, פארשטערט, פארשטערט!...

— —

ביים סדר זיצט דער טאטע, דער „מלך", אין א ווייסן קיטל מיט דעם פעטעטענעם קאשקעטל אויפן קאפ, אויבנאן, אויפן העסעבעט(2). נעבן אים זיצט די מאמע, די „מלכה", מיט דעם אנטיקן מארענעם קלייד, מיט דער ווייסענער פאטשיילע און מיט די שיינע פערעלעך, וואס גיבן איר צו זייער פיל חן (3). אקעגן זיי זיץ איך, דער בן-מלך, דער „פרינץ", אנגעטאן אין גאלע נייעס בג', קאפ ביז די פיס. פון איין זייט זיצט ביילע דאס דינסטמיידל, אנגעטאן מיט

---

(1) תחתונים (טאכטונים) — שפאטישער אויסדרוק אויף הויזן. טשאבעטעס — גרויסע שטיוול.

(2) העסעבעט — ווייך אויסגעבעטע שטול, באליינט מיט קישנס, ווי ס'איז געווען אמאל איינגעפירט צו זיצן ביים סדר.

(3) חן (כיין) — שיינקייט.

אַ נײַעם ציצענער קלייד און מיט אַ ווײַסן אַנגעקראָכמאַ־ליעטן פֿאַרטעך, וואָס קנאַקט און טרישטשעט ווי אַ מצה. פֿון דער אַנדערער זײַט זיצט די ייִדענע די קעכין, ברײַנע מיט די וואָנצעס, מיט אַ נײַער געלער, פּאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, זי האַלט זיך צו דאָס פּנים מיט איין האַנט און שאָקלט זיך. זי איז אָנגעגרייט צו „האָרכן" די הגדה... (1)

— כּהא לחמא עניא (2) — זינגט דער מלך מיט זײַער אַ שיי־נער שטימע, און די מלכּה העלפֿט אים הייבן די שיסל, און דאָס פּנים שײַנט איר און לײַכט, ווי אַ שטערן. ביילע לאָזט אַראָפּ די רויטע הענט אויפֿן ווײַסן פֿאַרטעך, און דער פֿאַרטעך שעלעשטשעט, ווי אַ בלאַט. ברײַנע דערהערט אַ ייִדיש וואָרט, מאַכט זי אַ פֿרום פּנים און פֿאַרקרימט זיך אויף צו וויינען. אַלע זענען אויפֿגעלייגט, אַלע זענען יום־טובֿדיק, נאָר דער פּרינץ איז עפּעס נישט מיט אַלע־מען. דאָס האַרץ איז אים פֿאַרשטיינערט, די אויגן פֿאַרצויגן מיט אַ רויכל. ס'זאָל נישט זײַן פּסח צום סדר, וואָלט ער זיך צעוויינט, און אַז ער וואָלט זיך אויסגעוויינט, וואָלט אים אפֿשר געוואָרן אַ ביסל גרינגער...

דער מלך זעצט זיך אַנידער און שפּאַרט זיך אָן אויף דעם העסעבעט. נאָך אים זעצן זיך אַלע אויף זייערע ערטער און מע וואַרט, ביז דער פּרינץ וועט אויפֿשטיין און וועט פֿרעגן די פֿיר קשיות: „מה נשתּנה?" (3) — וועט דער מלך נאָך דעם ענטפֿערן אַ תּירוץ (4): „עבֿדים היינו"... דער פּרינץ זיצט אָבער, ווי צוגעקאָ־וועט צום בענקל: ער קאָן זיך נישט רירן פֿונעם אָרט.

— נו?... — טוט אַ מאַך דער מלך מיט דער האַנט.

— שטיי אויף! — זאָגט די מלכּה. — פֿרעג דעם טאַטן די פֿיר קשיות!

דער פּרינץ רירט זיך נישט. ער פֿילט, אַז עמעצער האָט אים אָנגענומען, ווי מיט אַ צוואַנגל, בײַם גאָרגל און וואָרגט אים. דער קאָפּ בייגט זיך אים אויף אַ זײַט. די אויגן הייבן אָן שפּרינגען — שפּרינגען, עס טיילן זיך אָפּ צוויי קײַלעכיקע טרערן, ווי פּערעלעך,

---

(1) הגדה (האַגאָדע) — די דערציילונגען וועגן דער באַפֿרייאונג פֿון די ייִדן פֿון מצרים.

(2) כּהא לחמא עניא (קעהאָ לאַכמאָ אַניאָ) — ווי אָט דאָס אָרעמע ברויט (אַזוי הייבט זיך אָן די הגדה).

(3) מה נשתּנה (מאָ נישטאַנע) — מיט וואָס איז אַנדערש (אַזוי הייבט זיך אָן יעדע פֿון די פֿיר פֿראַגעס).

(4) תּירוץ (טערעץ) — פֿאַרענטפֿערונג. עבֿדים היינו (אַוואָדים האָיִנו) — קנעכט זײַנען מיר געווען.

קייקלען זיך איבער די בעקעלעך און קאָפּען, פאַלן גלייך אויף דער הגדה.

— וואָס איז דיר? וואָס איז דאָס פאַר אַ געוויין פלוצעם אין מיטן דערינען, ביים סדר? — צעשרייט זיך די מלכה און ווערט אין כעס. — האָסט דאַנקסטו אַזוי אָפּ פאַר די נייע מלבושימלעך, וואָס מע האָט דיר געמאַכט אויף יום־טוב?

דער פרינץ וויל אויפהערן וויינען, קאָן ער נישט, עס קוועטשט אים, עס שטיקט אים. עס האָט זיך אים מיט אַ מאָל געעפנט אַ קוואַל, אַ גאַנצער ברונעם.

— זאָג, וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר וויי? וואָס שווייגסטו? ענטפער! צי דו ווילסט, דער טאַטע זאָל דיך אַנידערלייגן און אַריינפיצקען לכבוד פסח?...

שטייט אויף דער פרינץ און פלאָנטערט מיט דער צונג:

— קשיא, איך וועל דיך פרעגן פיר טאַטעס... מיין איך — טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר... קש... קש...

דעם פרינץ ווערן אונטערגעהאַקט די פיס, און ער פאַלט מיטן קאָפּ אויפן ווייסן טישטעך און וויינט און כליפעט, ווי אַ פיצעלע קינד...

אַ פאַרשטערטער, אַ פאַרשטערטער פסח!...

אינהאַלט:

	זייט
אליהו הנביא	3
חבר סירקאָ	6
דריי קעפלעך	11
חנוכה־געלט	15
מאָטל דערציילט	19
די פאָן	27
אַ פאַרשטערטער פסח	32